צו דער סעודה פלעגט מען איינלאַדן די אָנגעזעענע בעלי־בתים פון שטאָט מיטן רב בראש און די שמחה איז געווען גרויס. קיין שום אַנדערע חברה האָט זיך נישט געקענט דערלויבן איינצואָרדענען אַזאַ פּרעכטיקע סעודה. פאַרשטייט זיך, אַז די אַלטע חברים פון חברה־קדישא האָבן געהאַט פיל פאַרגעניגן, זיי האָבן גוט פאַרבראַכט די צייט, אָפּגעגעסן און געגאַנגען אַהיים. אָבער דער „מלאָטש" האָט דאָס אַלץ געמוזט צוגרייטן, איינקויפן פיש און פלייש, שעכטן די גענדז, ברענגען צום גבאי אין שטוב די טישן און די בענק פון בית־מדרש און נאָך דער סעודה אַלץ צוריקטראָגן אין בית־מדרש. איך געדענק טאַקע, אַז פיל טעג פאַר דעם קידוש און פאַר דער סעודה, האָט מיין פאָטער זייער שווער געאַרבעט. אָבער דעם זכות און די מצווה איז ביי אים געווען וויכטיקער פון אַלץ, אַזוי אַז מען האָט דאָס נישט געקענט מעסטן מיט קיין האָרעוואַניע און אַפילו נישט מיט קיין געלט.

אַזוי האָט ער דורכגעמאַכט 3 יאָר אַלס „מלאָטש" און נאָכדעם געוואָרן אַ נאָר־מאַלער חבר. אָבער אויך במשך אַלע שפּעטערדיקע יאָרן איז ער געווען תמיד טיכטיק

און געלאָפן אויספּילן זיינע פליכטן. צום סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה ביי אַריינמאַרש פון די פּאָליאַקן (אין יאָר 1920), ווען זיי האָבן פאַרטריבן די באָלשעוויקעס און די אַרמיי פון באַרימטן אַנטיסעמיטישן גענעראַל האַלער איז אַריין קיין כאָזשעל, האָט מיין פאָטער כמעט מיטן לעבן באַצאָלט בעתן אויספּילן זיין פליכט אַלס חבר פון חברה־קדישא.

נאָכן פאַרנעמען דאָס שטעטל דורך די פּאָליאַקן, האָט זיך דאָס לעבן גענומען נאָרמאַ־ליזירן. פּויערים האָבן גענומען קומען אין שטעטל און זיי האָבן דערציילט, אַז ביי גרויס־קזשינאוליגע אין די באַגנעס זענען צעשפּרייט פיל קערפּערס פון יידישע הרוגים. מיין פאָטער, צוזאַמען מיט כתריאלקען ז״ל האָבן איינגעשפּאַנט צוויי פורן און זיך געלאָזן צו די דערמאָנטע ערטער, צוזאַמענגענומען דאָרט 18 הרוגים און זיי געפירט קיין כאָזשעל, כדי צו ברענגען צו קבר־ישראל. אַדורכפאָרנדיק די בריקער־גאַס ווו ס׳האָט זיך געפונען דער שטאַב פון די „האַלערטשיקעס״ האָט מען פאַרהאַלטן מיין פאָטער און אים געפרעגט — וואָס ער פירט? הערנדיק, אַז ער פירט מתים האָט מען אים געפרעגט — צי ער האָט אַ דערלויבעניש. אָבער דערויף האָט ער געענטפערט, אַז ער דאַרף נישט קיין דערלוי־בעניש, ווייל ער איז פון דער חברה־קדישא און דאָס איז זיין פליכט. מען האָט אים דאַן אַזוי צעשלאָגן אַז וואָכן־לאַנג איז ער געלעגן קראַנק.

„ביקור חולים" און „לינת הצדק"

מיין פאָטער איז אויך געווען אַ חבר, און די לעצטע צייט אַ גבאי, אין דער חברה „ביקור חולים", צוזאַמען מיטן שוחט ר׳ אברהם ז״ל.

יעדן פרייטיק זענען צוויי חברים פון „ביקור חולים" געגאַנגען איבער די הייזער און צוזאַמענגעקליבן געלט פאַר דער דאָזיקער געזעלשאַפט. אין מיינע יוגנט־יאָרן געדענק איך, פלעגן פּורים די זאַמלער זיך איבערטאָן פאַר רוסישע סאָלדאַטן (אין מונדירן און סאָלדאַטסקע היטלען, מיט מאַסקעס אויפן פּנים) און אין אַזאַ פּאָזע פלעגן זיי גיין איבער די הייזער און קלייבן געלט פאַרן „ביקור חולים".

די חברה האָט געהאַט אַן אָפּמאַך מיטן דאָקטאָר און אַפּטייקער (בדרך כלל קריסטן), אַז ווער ס׳וועט צו זיי קומען מיט אַ צעטל אונטערגעשריבן דורך די גבאים, וועט קריגן אַן הנחה פון 50% (ס׳זענען געווען פאַלן, אַז די חברה האָט געצאָלט 100% פאַר קראַנקע). אָפט האָט פּאַסירט, אַז מען פלעגט אַרויסרופן אַ דאָקטאָר פון טשעכאַנאָוו אָדער אַפילו פון אורטלסבורג (מזרח־פּרייסן), און מען פלעגט אויך אָפּשיקן קראַנקע אין שפּיטאָלן, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט גאָר גרויסע הוצאות. אַחוץ דעם פלעגט די חברה אויסלייען (אויף אַ משכון) טערמאָמעטערס, מכשירים פאַר קליסטירן, באַנקעס און נאָך אַזעלכע זאַכן (דער הויפּט־פעלדשער צו שטעלן באַנקעס איז געווען מלך ציטריניאַזש ז״ל).

עס שטעלט זיך טאַקע אַ פראַגע: פון וואַנען האָט די חברה געהאַט געלט פאַר אַלע

די משפחה פון תנחום קאָוואַל



יצחק און גאָלדע קיטניק



ליבע און דוד קאָוואַל
מיטן זון משה און זיין פרוי



ליבע און פייוול קאָוואַל
און טעכטערל איטאַ



מלכה (קאָוואַל) און חיים־שמואל קרישטאַל

אויסגאַבן? ווי אַזוי האָבן די קליינע אָפּצאָלן געדעקט אַלץ? איך געדענק ווי מיין פאָטער האָט אַלס גבאי אַרויסגערופן אַ דאָקטאָר פון דייטשלאַנד, וועלכער האָט באַקומען פאַרן וויזיט 100 מאַרק (25 דאָלאַר, אָדער 5 ענגלישע פונטן), בעת אַ כאַזשעלער שיינער בעל־הבית האָט פאַרדינט אַזאַ סכום אין משך פון אַ חודש. פלעגט מיין פאָטער טאַקע שטענדיק זיך באַקלאָגן און טענהן: „מער קען איך קיין גבאי נישט זיין, די קאַסע איז אונטערשטעליק און יעדן חודש דאַרף מען אויסקויפן ביים דאָקטאָר און אַפּטייקער די צעטלען. אויב מען וועט זיי נישט באַצאָלן וועלן זיי אויפהערן אויפצונעמען קראַנקע און אַרויסגעבן רעצעפּטן”. ווען מיין מוטער ע״ה פלעגט הערן, אַז דער פאָטער וויל זיך אָפּזאָגן אַלס גבאי, האָט זי שטאַרק געהאַט עגמת־נפש, אַז ער זאָל חס־וחלילה טאַקע זיך נישט אָפּזאָגן פון אַזאַ גרויסער מצווה.

מיט דער חברה „ביקור חולים” האָט מיטגעאַרבעט די חברה „לינת הצדק”, וואָס איז געווען בעיקר אַ פרויען־געזעלשאַפט. די פּאָרזיצערין פון דער חברה איז געווען שרה־מאַשע שניאַדאָווער, די סעקרעטאַרין — פנינה (פּערל) ריכטער, די קאַסירערין — טובה קאָוואַל. זייער אַרבעט איז געווען ענלעך צום „ביקור חולים”, אָבער זי איז באַשטאַנען קודם כל אין שיקן חברות צו נעכטיקן ביי קראַנקע אָדער שיקן פאַר אָרעמע קראַנקע אַ „יאַכל” ס׳הייסט, אַ זופּ, מיט פלייש און פרוכט „אָפּצוכאַפּן די נשמה און דאָס האַרץ צו דערקוויקן”.

מיינע רביים

ווען כ׳בין אַלט געוואָרן 4 יאָר האָט מיך מיין פאָטער איינגעוויקלט אין אַ טלית און אַוועקגעטראָגן אין חדר אַריין.

צוערשט האָב איך געלערנט ביי ר׳ אהרון־יענקל ז״ל, וואָס האָט זיך אויסער מלמדות פאַרנומען אויך מיט אַ צוגאָב־פּרנסה — שניידן „שעטשקע” פאַר פערד און פאַרקויפן עס די בעלי־עגלות. אין „טאַרג־טאָג”, דינסטיק און דאָנערשטיק פלעגט ער איבעררייסן דאָס לערנען, אַרויסגיין אויפן מאַרק און איינקויפן שטרוי, וואָס ער האָט געשניטן אויף „שעטשקע” (ער האָט געהאַט אַן אייגענע „שעטשקאַרניע”).

מיין צווייטער רבי איז געווען ר׳ פייוויש סטודענט ז״ל. ער ווידער איז געווען אַ מומחה אָפּצושפּרעכן עין־הרעס. פון ווייט און נאָענט פלעגט מען צו אים קומען אָפּשפּרעכן עין־הרעס.

דער איינציקער חדר, ווו ס׳האָט זיך געפילט, אַז דאָס איז אַ לערן־אַנשטאַלט, איז געווען דער חדר פון ר׳ יודל װענגעל. ר׳ יודל איז פריער געווען אַ סאָלדאַט און האָט אָנטיילגענומען אין דער רוסיש־טערקישער מלחמה. מעגלעך, אַז דאָס האָט משפּיע געווען אויף אים צו אָרגאַניזירן דאָס לערנען אין חדר לויט די שעהן און לויט אַ שטענדיקן סדר. ביים אים פלעגן די קינדער זיצן רואיק ביי די טישן. יעדער האָט געזאָגט

אַ פּסוק און יעדע שעה האָט מען געלערנט עפּעס אַנדערש. מיט איין וואָרט, דאָס איז געווען אַ שיינער חדר. ביי אים האָבן זיך געלערנט אַלע קינדער פון דער משפחה לאַכאָווער (פישל לאַכאָווער ז״ל איז געווען זיינער אַ תלמיד).

דער האַנדל מיט דייטשלאַנד

כאָזשעל איז ווי באַוווסט געלעגן 2 ק״מ פון דער מזרח־פּרייסישער גרענעץ און האָט זיך גערעכנט אַלס אַ פּרנסה־שטעטל. אַ סך יידן האָבן געהאַנדלט מיט דייטשלאַנד, אַ טייל לעגאַל און אַ טייל אומלעגאַל. דער לעגאַלער האַנדל איז באַשטאַנען פון עקספּאָרטירן קלייען (די כאָזשעלער יידן פלעגן אויפקויפן קלייען אין די מילן פון פּרושניץ, מאַקאָוו, קראַסנאָשעלץ א״אַ), געהילץ־מאַטעריאַלן און גרינס (אוגערקעס, ציבעלעס, מערן). דער אומלעגאַלער האַנדל איז אָנגעגאַנגען ביים טוישן דייטשישע מאַרקן אויף רוסישע רובלס און אַריבערפירן פאַרבאָטענע סחורות, בעיקר דורך די טויזנטער אַרבעטער וואָס פלעגן אין די זומערדיקע חדשים פאָרן קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט. יעדער איינוווינער פון כאָזשעל פלעגט באַקומען פון די מאַכט־אָרגאַנען אַן אָפיציעלע דערלויבעניש מיט וועלכער ער האָט געקענט אַריבערגיין פריי קיין פלאַמבערג, דאָס ערשטע דאָרף אויף דער דייטשישער זייט.

די אומלעגאַלע פּרנסות זענען באַשטאַנען נישט נאָר פון שמוגלען סחורה, נאָר אויך פון מענטשן. נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905, ווען די צאַרישע רעאַקציע האָט גענומען אַרעסטירן יידישע יוגנטלעכע, זענען די גרענעץ־שטעט, ווי מישיניעץ, פּרושניץ און כאָזשעל באַקאַנט געווען אַלס טראַנספּער־פּונקטן אויפן וועג קיין דייטשלאַנד און פון דאָרט קיין אַמעריקע. מיטן סחורות־שמוגל איז דורך כאָזשעל טראַנספּאָרטירט געוואָרן סאַכאַרין פון רוסלאַנד, ליאַנער שאַלן פון פראַנקרייך, פאַרשידענע איידלשטיינער פון טשעכיע, שפּיצן (קאָראָנקעס) פון דייטשלאַנד א.אַז.וו. דאָס אַלץ האָט באמת געגעבן דעם שטעטל פּרנסה, אָבער טראָץ דעם זענען אין כאָזשעל געווען אַזוי פיל אָרעמעלייט, אַז די גבירים האָט מען געקענט איבערציילן אויף די פינגער.

יעדער ייד האָט זיך גוט אָנגעמאַטערט ביז ער האָט אַרויסגעצויגן אויף פּרנסה. יעדער איינער האָט זיך געמוזט היטן מען זאָל אים זיין פּרנסה נישט צוכאַפּן. מיין פאָטער, למשל, האָט געהאַנדלט מיט אייער, פּוטער, גרינס, מילכוואַרג און עופות. ווען ס׳פלעגט קומען דער סעזאָן אויף יונגע גענדז און קאַטשקעס, פאַר די יום־טובים, פלעגט ער צושיקן איבער גאַנץ דייטשלאַנד טויזנטער גענדז און קאַטשקעס צו פּריוואַטע קונים, ביי וועלכע מען פלעגט נעמען בעסערע פּרייזן. ביי אונדז אין שטוב איז געווען אַ דייטשישער שטעמפּל מיטן אויפשריפט: „געפליגל־האַנדלונג, אייער אונד בוטער, פלאַמבערג ביי ווילענבערג אָסטפּרויסן״. יעדער סוחר, וואָס האָט געהאַנדלט מיט דייטשלאַנד האָט געהאַט אַ פּאָסט־קעסטל אויף דער פּאָסט אין פלאַמבערג און יעדן טאָג, 10 אַ זייגער

פרי, פלעגט זיך האַלב כּאַזשעל אַרויסלאָזן קיין פלאַמבערג, כּדי אָפּצונעמען דאָרט די פּאָסט.

יידישע פישער

אין כּאַזשעל זענען געווען יידישע פישער, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט פישפאַנג אין די דייטשישע אָזיערעס. כ׳געדענק די פישערס: נפתלי זאַבלודאָווסקי, וועמען מען האָט גערופן „כהן־גדול״, די ברידער גאָלדשטיין, אליהו בייניש, העניעך פּשעניצע און אַנדערע. יעדן זונטיק פלעגן זיי איינשפּאַנען פערד־און־וואָגן, אַרויספאָרן קיין דייטשלאַנד, דאָרט כאַפּן לעשטשעס, שלייענס, העכט און דאַנערשטיק פלעגן זיי קומען אַהיים מיט פולע קאַסטנס פיש. ווינטער פלעגן זיי ברענגען סטינקעס, וואָס די באַלע־באָסטעס פלעגן קאָכן אין זיס און אין זויער. יעדער פישער האָט געהאַט זיינע געדונגענע אָזיערעס.

אַלס קינד בין איך איין מאָל געפאָרן מיט די פישער צו די דייטשישע אָזיערעס און כ׳געדענק ווי זיי האָבן דאָרט געגעסן געפּרעגלטע לעשטשעס אין פּוטער מיט לאַטקעס פון געריבענע קאַרטאָפל און צוגעטרונקען אָקאָוויט (קיין פליש האָבן די יידן אין דייטש־לאַנד נישט געגעסן, צוליב כשרות). ס׳זענען געווען יידן, וואָס פלעגן פאָרן כאַפּן פיש אין דייטשלאַנד און זיין דאָרט אַ גאַנצן חודש. זיי פלעגן קומען קיין כּאַזשעל, כּדי צו באַנייען „די קאַרטע״. דאָס זענען געווען פישער־ספּעציאַליסטן, וועלכע פלעגן פאַרדינען 6—8 רובל אַ וואָך און האָבן געקענט גוט צוגרייטן דאָס פיש־פאַנג.

ר׳ נפתלי „כהן־גדול״ פלעגט פירן פיש קיין וואַרשע און צוריק. ער פלעגט קומען מיט אַ בריטשקע אָדער מיט די בעלי־עגלות. שפּעטער, ווען ער איז געוואָרן אויס פישער און גענומען מאַכן ברויט־קוואַס, האָט ער דערציילט דעם סוד: „ווען איך פלעג גוט פאַרדינען פון די פיש פלעג איך קומען מיט די בעלי־עגלות, אַז מיינע קאָנקורענטן זאָלן הנאה האָבן מיינענדיק, אַז כ׳האָב שלעכט פאַרדינט; ווען אָבער כ׳האָב באמת שלעכט פאַרדינט, פלעג איך קומען מיט אַ בריטשקע, אַז די קאָנקורענטן זאָלן האָבן האַרץ־קלעמעניש, מיינענדיק, אַז איך האָב גוט פאַרדינט״...

שניידער

אין כּאַזשעל זענען געווען אַ סך בעל־מלאכות וואָס האָבן געהאַט פּרנסה בדוחק. בלויז עטלעכע האָבן „געמאַכט אַ לעבן״.

ר׳ פייוול־בערל דער שניידער האָט געהאַט אַ וואַרשטאַט און געאַרבעט מיט געזעלן. ער פלעגט עקספּלאָאַטירן די לערן־ייִנגלעך, וואָס האָבן געאַרבעט ביי אים פון „נאָכן

ערשטן מנין" ביז שפּעט אין דער נאַכט (די נאַכט פון דאָנערשטיק אויף פרייטיק, ווי אויך פאַר די יום־טובים פלעגן זיי אַרבעטן גאַנצע נעכט).

מיין פעטער דוד־הערש יוכט איז געווען אַ שניידער. ווען ער איז אַלט געוואָרן 21 יאָר, האָט מען אים גענומען אין רוסישן מיליטער און געדינט האָט ער אין סיביר. ער איז אַוועק פון דער היים נאָך סוכות און איז אָנגעקומען אין זיין איינהייט אַרום פסח (געפאָרן דעם גאַנצן ווינטער). די גאַנצע 4 יאָר פון זיין דינסט האָט ער נישט געגעסן פון קעסל צוליב כשרות און אָפּגעקומען מיט „טרוקנס". נאָכן מיליטער איז ער געפאָרן קיין אַמעריקע ווו ער האָט שווער געאַרבעט 4—5 יאָר און אַהיים געקומען מיט אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר. מיט דעם דאָזיקן געלט איז ער צוריקגעקומען קיין כאָזשעל (מיטגע־בראַכט אויך אַ געזעלן־קאַרטע), געעפנט אַן אייגענעם וואַרשטאַט און שווער געאַרבעט, כדי צו פאַרדינען אויף פרנסה.

סימנים פון אָרעמקייט

דער דאָקטאָר מיעטשענסקי איז געווען אַ גוטער מענטש. די ערשטע רפואות, וואָס ער פלעגט פאַרשרייבן איז געווען 2—4 גלעזער מילך (אין דער פרי און אין אָוונט) און אַ „יאַכל", אַ גוטע זופּ מיט פלייש אויף יעדן מיטאָג. אַ גרויסער טייל פון זיינע יידישע פּאַציענטן איז געווען אומדערנערט און זיי האָט ד"ר מיעטשענסקי געהייסן עסן פיל גרינס. די יידן האָבן נאָך דאַן נישט געוווּסט פון רויע מערן (אָדער פּאָמידאָרן), זיי פלעגן עסן אַ מערן־צימעס און דאָס נאָר פרייטיק צו נאַכט. איך געדענק ווי מען האָט דערציילט, אַז ווען אַ פּשוטער ייד איז אַריינגעקומען מאָנען אַ חוב צו אַ „באַלעבאַטישן יידן" און ער האָט אים געטראָפן ביים מיטאָג עסנדיק צימעס, איז ער אַרויס מיט אַ געוואַלד „מיך הייסט איר וואַרטן מיטן געלט אויף מאָרגן און איר עסט צימעס אין מיטן דער וואָך"...

בדרך כלל, האָט אַ באַלעבאַטישע משפּחה געגעסן צוויי מאָל אַ טאָג: פרישטיק נאָכן דאַווענען, און „וויעטשערע" נאָך מעריב. אַ פונט פלייש (450 גראַם) האָט געקאָסט אַנדערהאַלבן גילדן, און אַ פונט ברויט האָט געקאָסט אַ „פּירער" (2 קאָפּיקעס). אַממערסטן האָט מען געגעסן קאָרן־ברויט (ראַזוווקע), מ'האָט אַליין געבאַקט גרויסע ברויטן פון 10—12 פונט יעדער. אין די באַלעבאַטישע הייזער האָט מען געגעסן געבייטלט אָדער האַלב־שוואַרץ ברויט. יעדן פרימאָרגן פלעגט יעדעס קינד קריגן אַ זעמל אויף מאַכן „המוציא". אַ זעמל האָט געקאָסט אַ „צווייער" (1 קאָפּיקע); 3 זעמל אַ „פינפער" (צוויי און אַ האַלבע קאָפּיקע).

צווישן יידן און קריסטן

די באַציאונגען צווישן יידן און קריסטן זענען געווען זייער גוטע, מען קען אַפילו

זאָגן אידעאַלע, לויט יענע צייטן. איך געדענק נאָר איין פאַל פון אַ שפּאַנונג, אינעם יאָר 1905/6, בעת דעם „גרינעם דאַנערשטיק״, נאָך פּסחא. מען האָט דאַן גערעדט, אַז די קריסטן גרייטן זיך צו מאַכן אַ פּאָגראָם אין שטעטל.

אין יענער צייט איז געווען רב אין שטעטל הרב ראָזענשטראָך זצ״ל (דער עלקישער רב), אַ גרויסער רעדנער און עילוי, ווי אויך אַ גרויסער קענער פון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור. דער קאָמענדאַנט איבער דער גרענעץ און פון די „אָביעזשטשיקעס״ (גרעצ־נעץ־וועכטער) איז דאַן געווען דער רוסישער פּאָלקאָווניק כאַבאַראָוו, וועלכער האָט זיך זייער באַפריינדעט מיטן רב און פלעגט אָפט אַריינקומען צו אים אויף אַ שמועס. דער רב האָט דערציילט דעם פּאָלקאָווניק וועגן דער מורא פאַר אַ פּאָגראָם און ער האָט פאַרזיכערט דעם רב, אַז קיין פּאָגראָם וועט נישט פאָרקומען. ער האָט נאָר געבעטן, אַז בעת דער פּראָצעסיע זאָלן יידן זיך נישט דרייען אין די גאַסן. און ס׳איז ווירקלעך אַלץ אַריבער בשלום.

אַחוץ דער גרענעץ־מאַכט זענען אין כאָזשעל געווען: אַ „סטאַרשער״ סטראַזשניק מיט אַ געוויינלעכן סטראַזשניק, אַ „סטאַרשער״ זשאַנדאַרם מיט אַ געהילף, און אַ וואָיט, וועלכן מען האָט געוויילט יעדע 3־4 יאָר. אַלע יאָרן איז אָבער געווען דער זעל־ביקער וואָיט קאָבילענסקי, וואָס האָט געהאַט אַ קאַנצעלאַריע מיט אַ שרייבער.

יעדן מאָנאַט פלעגט יעדער יידישער איינוווינער גיין אין דער קאַנצעלאַריע, כדי אַרויסצונעמען אַ „קאַרטע״ אויף אַריבערגיין דעם גרענעץ קיין פּלאַמבערג. אָפּיציעל האָט די „קאַרטע״ גאָרנישט געקאָסט, אָבער יעדערער פלעגט ביי דער געלעגנהייט דאָך באַצאָלן דעם וואָיט אַ צוואַנציקער״ (10 קאָפּיקעס) און דעם שרייבער אַ „צענער״ (5 קאָפּיקעס).

דער „סטאַרשער״ סטראַזשניק קאָלעשניקאָוו איז געווען גאָר היימיש מיט די יידישע בעלי־מלאכות — יעדן פּרייטיק פלעגט ער קריגן: חלה פון די בעקערס, פלייש פון די קצבים און אַנדערע זאַכן פון די איבעריקע האַנטווערקער...

א שאָסיי אויף דער מאַפּע...

איך געדענק ווי ס׳זענען אַראָפּגעקומען אינזשינירן קיין כאָזשעל און אָנגעהויבן מעסטן די וועגן, כדי צו בויען אַ שאָסיי קיין פּרושניץ. ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה איז כאָזשעל געלעגן ווי אין אַ מדבר, אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט זאַמדן און אַפילו די 2 ק״מ ביז צום גרענעץ האָט מען געדאַרפט דורכפאָרן דורך זאַמדן. עס איז געווען בלויז איין אויסגעפאָרענער וועג פון צוויי „קאָלעס״: אַ ברייטע „קאָלע״ פאַר דייטשישע וועגענער און אַ שמאָלע „קאָלע״ פאַר די פּוילישע וועגענער.

אין שטעטל איז געווען גרויס די שמחה: אַ קלייניקייט מען גייט בויען אַ שאָסיי קיין כאָזשעל. די פּויערים האָבן אָנגעהויבן פירן שטיינער, אָבער ביסלעכווייז האָט מען

דאָס פּירן אָפּגעשטעלט און נאָר די קופּעס שטיינער האָבן עדות געזאָגט, אַז מען האָט געוואָלט בויען אַ שאָסיי... אין פיל יאָרן שפּעטער, ביים אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט זיך אַרויסגעוויזן די גרויסע אַפּערע, וואָס האָט זיך פּאַרוויקלט אַרום שאָסיי.

ביים אָנהויב פון קריג, האָבן די רוסן געהאַט דערפּאָלגן אין מזרח־פּרייסן און די באַרימטע סאַמסאָנאָווס אַרמיי איז אַריין קיין פּרייסן. ווען די אַרמיי האָט גערירט פון פּרושניץ קיין מיכאָווע (אַ דאָרף 3 ק״מ פון פּרושניץ) איז נאָך געווען דאָרט אַ שטיקל ברוקירטער וועג, אָבער פון מיכאָווע קיין כאָזשעל (אַ מהלך פון 24 ק״מ) איז געווען נאָר אַ שווערער זאַמדיקער וועג. זענען טאַקע די גרויסע שווערע האַרמאַטן, געשפּאַנטע אין פיר אָדער זעקס פערד, איינגעזונקען אין די זאַמדן. דאַן האָבן די גענעראַלן פּאַר־וואונדערט אַרויסגענומען זייערע מאַפּעס און געזוכט דעם שאָסיי פון פּרושניץ קיין כאָזשעל, וואָס האָט אָבער עקזיסטירט נאָר אויף דער מאַפּע...

נאָך דער מפּלה פון גענעראַל סאַמסאָנאָווס אַרמיי אין מזרח־פּרייסן, איז אַ טייל פון דער אָפּגעראַטעוועטער אַרמיי ווידער געקומען קיין כאָזשעל און פון דאָרט געצויגן ווייטער, איבערלאָזנדיק אין די זאַמדן די מערהייט פון זייער אַמוניציע.

די יידן פון כאָזשעל און אומגעגנט האָבן געמוזט באַצאָלן פּאַר סאַמסאָנאָווס מפּלה. נאָך זיין טויט האָט די אָנפירערשאַפט איבער דער אַרמיי איבערגענומען דעם קיסרס ברודער, ניקאָליי ניקאָלאַיעוויטש, וועלכער האָט באַפוילן אַרויסצוטרייבן אַלע יידן 50 ק״מ פון די גרענעץ־שטעטלעך. די כאָזשעלער יידן זענען געווען פון די ערשטע אַרויסגע־טריבענע און זייער מאַרטיראָלאָגיע איז שווער צו באַשרייבן. פיל משפחות זענען שוין מער נישט צוריקגעקומען אַ היים, זיי זענען היימלאָזע אויסגעשטאָרבן פון הונגער און קראַנקייטן אין אַנדערע ערטער.

ווי נאָר די דייטשן זענען אַריבער דעם גרענעץ, האָבן זיי אָנגעהויבן בויען אַ שאָסיי קיין פּרושניץ, קראַסנאָשיעלץ און כאָזשעל. זיי האָבן טאַקע סוף־סוף אויסגע־פּלאַסטערט אַן אמתן שאָסיי, נישט נאָר אויף דער מאַפּע...

פּערזענלעכקייטן און טיפּן

די שיינע בעלי־בתים פון די משפחות: לאַכאָווער, ניצקעס און גוויאַזדע, האָבן געפירט פישעריי־געשעפטן ביז ראָסטאָוו אויפן דאָן. אַ גאַנצן יאָר פלעגן זיי פאַרברענגען אין רוסלאַנד און קומען קיין כאָזשעל נאָר אויף פסח און ימים־נוראים. דאָס שטעטל האָט זיך געגרויסט מיט זיינע נגידישע משפחות, ספּעציעל מיט דער משפחה לאַכאָווער וואָס איז געווען פון די ערשטע קולטור־טרעגער אין כאָזשעל. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן די משפחות לאַכאָווער און ניצקעס פאַרלאָזט




יעקב זילבערמאַן



משה־זרח „דער דזיעדזיץ"



אהרן־מאָטל בעקערמאַן און כאַצקל סעגאַל



יוסף מונקאַרש




חיה־אסתר זאַבלודאָווסקי



נפתלי זאַבלודאָווסקי



מלך ציטריניאַזש („דער רופא")



ישראל־יוסף ביילאָוויטש

כאַזשעל, פאַרבליבן איז נאָר ר׳ משה־אהרון גוויאַזדע ז״ל מיט זיין פרוי, וועלכע מ׳האָט גערופן „די ענגלישע מלכּה״.

ר׳ משה־אהרון איז געווען פון די ערשטע משכּילים אין כאַזשעל. זיין שטוב איז געווען די איינציקע אין שטעטל, וואָס האָט געהאַט אַ פאַרקאַן אַרום און בוימער אין פראָנט. ער איז געווען דער גרינדער פון דער ערשטער יידישער קאָאָפּעראַטיווער קאַסע און ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן — אַ מיטגליד פון איר פאַרוואַלטונג און דער קאַסירער. אין דער פאַרוואַלטונג זענען צוזאַמען מיט אים געווען: מרדכי ביראַן, אַהרון־מאָטל בעקערמאַן, טעוול פאַטער, מרדכי־מענדל פאַרבעראָוויטש, משה קאָוואַל און א. מ. אַדלער.

*

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז געשטאַנען אין מיטן מאַרק אַ 2־שטאָקיק הויז, וואָס האָט געהערט צו ר׳ יוסף־מאיר לייבס ז״ל. ער איז געווען אַ נידעריקער, מיט אַ שיינער באָרד און גרויסע ברעמען, שטענדיק ערנסט. געהאַט האָט ער אַ גרויסן אייזן־געשעפט — דאָס געוועלב צוזאַמען מיטן וווינונג, וואָס האָט פאַרמאָגט עטלעכע גרויסע צימערן.

ר׳ יוסף־מאיר איז געווען אַ „פאַרברענטער״ גערער חסיד און זיין פרוי איז געווען אויך זייער פרום, שטענדיק געשטאַנען מיטן סידור אין האַנט און געוואַרט ביים פענצטער אויף משיחן. זייער שטוב איז געווען אָפן פאַר אַלעמען. אַלע סעודות און קידושים פון „חברה קדישא״ פלעגן פאָרקומען ביי זיי אין שטוב (אין דער זעלבער שטוב, אויפן 2־טן שטאָק, האָט געוווינט איינער פון דער משפּחה ניצקעס). טראָץ דעם וואָס יוסף־מאירס שטוב איז געווען אַ „חסידישע שטוב״ האָט זי דווקא אַרויסגע־געבן איינעם פון די ערשטע משכּילים: מרדכי אייזנשטאַט, וועלכער איז אויך געווען פון די ערשטע כאַזשעלער חלוצים אין ארץ־ישראל.

*

אין שכנות מיט ר׳ יוסף־מאיר לייבס שטוב, איז געווען ר׳ איטשע־מאיר ריכטערס שטוב, מיט אַ גרויסן הורט־ און קאָלאָניאַל־געשעפט. אין דער זעלבער שטוב איז אויך געווען דער „מאָנאָפּאָל״ פון שטאַרקע געטראַנקען, דאָרטן פלעגן יידן קויפן אויף שבת אַ פלעשעלע 95% ספּירט און קריסטן פלעגן פאַרטרינקען זייער ביטער לעבן...

פון צווייטן זייט פון ר׳ איטשע־מאיר געשעפט, איז געווען דאָס געשעפט פון דער משפּחה, וועלכער מען האָט גערופן „די גראַיעסקעס״ (דאָרט האָבן אַממערסטן געקויפט די „אָביעזשטשיקעס״, גרענעץ־וועכטער). די גאַנצע משפּחה האָט עמיגרירט קיין קאַנאַדע און דער זון יהודה איז דאָרט אַ באַוווסטער נדבן (ער האָט אויך געשריבן אַ ספר־תורה אין בית־הכּנסת פון רעננה, ישראל).

*

דער הויפּט בריוון־שרייבער אין דייטש איז געווען ר׳ אברהם שער, וואָס איז אויך געווען אַ „באַגלייבטער" ביי די סוחרים. ער האָט געהאַט פיר טעכטער (ענציעלע, מלכה, רוזשקע און לאה) און צוויי זין (יעקב און מאיר), אָבער לײדער איז פון זיי קיינער נישט פאַרבליבן.

ר׳ אברהם איז געווען אַ פּעאיקער יונגערמאַן, אַ פריילעכער און פול מיט הומאָר, אָבער אין געשעפטן האָט ער נישט מצליח געווען און זיך געמאַטערט דעם גאַנצן לעבן. באַלד נאָך זיין חתונה, האָט מען ביי אים צוגענומען די „קאַרטע" (די דערלויבעניש אַריבערצוגיין קיין דייטשלאַנד), וואָס האָט דאַן געהייסן פאַרלירן די פרנסה.

ער איז געווען אַ הייסער ציוניסט און אַגיטירט, אַז מען זאָל פאָרן קיין ארץ־ישראל, מיט אַלע וועגן. בעתן מאַנגל אין סערטיפיקאַטן, האָט ער דווקא געהאַט אַ „פּראָטעקציע" צו קריגן אַ סערטיפיקאַט, אָבער ער האָט די געלעגנהייט פון אַ „פּראָטעקציע" נישט געוואָלט אויסנוצן, ווי אויך נישט געוואָלט איבערלאָזן די גאַנצע משפחה. אַזוי אַרום איז אויך די דאָזיקע משפחה אומגעקומען צוגלייך מיט אַלע כאָזשעלער יידן, אין דער תקופה פון אומקום.

גרשון שניאַדאָווער

לעצטע שפּורן פון לעבן און אומקום

סעפּטעמבער 1939 — יוני 1941

אין אויגוסט 1939 — פאַרן אויסברוך פון דער פּויליש־דייטשער קריג — איז די אַטמאָספער, ספּעציעל ביי דער יידישער באַפעלקערונג, געווען זייער אַ דערדריקנדיקע, ווייל מען האָט געפילט, אַז די מלחמה איז זייער נאָענט. מיטן אויסברוך פון קריג איז געקומען אַ פאַראָרדענונג פון דער פּוילישער מאַכט, אַז די גאַנצע באַפעלקערונג — סיי פּאָליאַקן, סיי יידן — מוזן זיך עוואַקואירן פון דעם סטראַטעגישן פּונקט, ווו ס׳געפינט זיך אונדזער שטעטל כאָזשעל (אַנדערהאַלבן קילאָמעטער פון דער מזרח־פּרייסישער גרענעץ).

די באַפעלקערונג האָט פאַרלאָזט דאָס שטעטל און אַנטרונען אין דער אַרומיקער געגנט, לויטן איינזען פון יעדן איינעם, ווייל די אָרטיקע אַדמיניסטראַציע האָט נישט געהאַט קיין שום עוואַקואירונגס־פּלאַן. די יידישע באַפעלקערונג האָט געשטראָמט

ספעציעל אין די שטעטלעך: קראַסנאָשעלץ, מאַקאָוו־מאַזאָוויעצק, פּרושניץ און מלאַווע (כדאי צוצוגעבן, אַז די מערהייט יידן פון כאָזשעל האָט זיך קאָנצענטרירט אין מאַקאָוו).

דריי טעג נאָכן פאַרנעמען כאָזשעל דורך די דייטשן, זענען די פּאָליאַקן צוריקגעקומען אין שטעטל און גלייך גענומען מיטאַרבעטן מיט די דייטשן ביים באַרויבן דאָס איבער־געבליבענע יידישע פאַרמעגן, און ביים שאַפן צחאַמען אַ לאָקאַלע אַדמיניסטראַציע אונ־טער דער לייטונג פון אַ נאָמינירטן דורך די דייטשן בירגערמייסטער, דער אַרבעטער פון דייטשער אָפּשטאַמונג — לאָרענץ.

עטלעכע יידישע משפחות, וואָס האָבן זיך געפונען אין מאַקאָוו, ווי די פאַמיליעס פון אברהם שער, סעגאַל און אַנדערע, האָבן איבערגעוואַנדערט דעם טייך בוג, ווו ס'האָבן געהערשט די סאָוויעטן, באַזעצנדיק זיך אין די שטעט ביאַליסטאָק און סלאָנים.

בעת די דייטשן זענען אַריין קיין כאָזשעל, זענען דאָרט קיין יידן נישט געווען. די כאָזשעלער יידן זענען שפּעטער מערסטנטייל אומגעקומען אין מאַקאָווער געטאָ, פון וואַנען מ'האָט זיי גרופּנווייז אַרויסגעפירט 13 קילאָמעטער פון שטאָט, אויפן פולטוסקער וועג, אין אַ וועלדל, דאָרט האָט מען אַ טייל דערשאָסן און פון פאָרויס צוגעגרייטע



די משפחה שניאַדאָווער (1938)

גריבער. אַ טייל איז געוואָרן אַרויסגעפירט אין די פאַרניכטונגס־לאַגערן פון אוישוויץ און טרעבלינקע. די יידן פון כאָזשעל, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין סלאָנים — זענען אומגעקומען אין סלאָנימער געטאָ, אין יאָר 1942.

איך און מיין ברודער יצחק האָבן פאַרלאָזט וואַרשע אַ חודש נאָך קריגס־אויסברוך און געלאָזט זיך אין דער ריכטונג פון סעמיאַטיטש, דורכצושמוגלען דעם טייך בוג, בכדי אָנצוקומען קיין ביאַליסטאָק. נאָך דריי טעג בלאָנדזשען, איז אונדז געלונגען מיט אַ שיפל דורכצושניידן דעם בוג, און... מען איז גלייך אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַ סאָוויעטישן פאַטראָל, וועלכער האָט אונדז אָפּגעפירט אין דער קאָמענדאַנטור קיין ביאַליסטאָק. דאָרט, נאָך אַ קורצער אויספאָרשונג, האָט מען אונדז באַפרייט.

פון ביאַליסטאָק האָבן מיר זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון לאָמזשע, קיין קאָלנע (מיין מוטערס געבורטשטאָט), און צו אונדזער גרויסער איבערראַשונג, האָבן מיר דאָרט געפונען אונדזער גאַנצע פאַמיליע. נאָך דריי חדשים פון אונדזער זיין אין דעם שטעטל קאָלנע, האָט די סאָוויעטישע מאַכט דורכגעפירט אַ רעגיסטראַציע פון אַלע יידישע פליטים. די וואָס האָבן דעקלאַרירט, אַז זיי ווילן בלייבן אויפן אָרט, האָבן באַדאַרפט אָננעמען די סאָוויעטישע בירגערשאַפט מיטן פאַראַגראַף 11, לויט וועלכן מ׳האָט נישט געהאַט קיין רעכט צו וווינען אין אַ גאַנצער ריי שטעט און געמוזט זיך באַזעצן 100 קילאָמעטער ווייט פון דער רוסישער גרענעץ, דאָס הייסט, בלייבן צווייטראַנגיקע בירגער. די ברירה איז געווען: צוריקפאָרן אין די פריערדיקע היימען — צום דייטש.

איך מיט מיין גאַנצער פאַמיליע — אַחוץ מיין ברודער יצחק — האָבן זיך פאַררעגיסטרירט צו בלייבן ביי די סאָוויעטן. מיין ברודער יצחק, וועלכער האָט נישט אָנגענומען די סאָוויעטישע בירגערשאַפט, אָנשטאָט צו שיקן אים קיין וואַרשע, האָט מען אים — צוזאַמען מיט די אַלע פאַררעגיסטרירטע צוריקצופאָרן קיין פוילן — אַוועקגעשיקט אין די אַרבעטס־לאַגערן קיין סיביר.

מיר האָבן געמוזט פאַרלאָזן דאָס שטעטל קאָלנע און נאָך לאַנגע וואַנדערונגען האָבן מיר זיך באַזעצט אין אַ קליין פּראָווינץ־שטעטל שוויענטאַ וואָליאַ, אין פינסקער ראַיאָן. קיין אַרבעט האָבן מיר דאָרט נישט געקענט באַקומען, ווייל מיר זענען געווען „ביעזשענצעס", און מיר האָבן געליטן הונגער און נויט. נאָך גרויס מי האָב איך באַקומען אַרבעט אין אַ שפּיטאָל אַלס געהילף־־בוכהאַלטער, אָבער דער לוין האָט נישט דערמעגלעכט צו דערנערן די פאַמיליע. דורך דער פּראָטעקציע פון דעם יידישן דאָקטאָר גיטעל, וועלכער איז דעמאָלט געווען דער דירעקטאָר פון געזונטהייט־אַמט, האָט מען מיר פאַרגרעסערט מיין לוין און געגעבן בעסערע לעבנס־באַדינגונגען.

אין יוני 1940 האָט מען מאָביליזירט מיין ברודער דויד אין דער רויטער אַרבעטס־אַרמיי, פון וואַנען ער איז מער נישט צוריקגעקומען און ביז היינט ווייסט מען נישט ווו ער איז אהינגעקומען. איך גופא האָב איבערגעוואַנדערט אין אַ שכנותדיק שטעטל לוביע־

שאָוו, נעבן קאַמין־קאָשירסק. דאָרט האָב איך זיך איינגעאָרדנט אויף אַ מלוכהשן פּאָסטן ביי וואַלד־אַרבעט און גיך אַוואַנסירט אַלס פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר אַפּראָוויזאַציע־ און באַקליידונגס־באַדערפענישן פון די דאָרטיקע אַרבעטער. נאָך אַ קורצער צייט האָב איך אַראָפּגעבראַכט צו זיך מיינע עלטערן פון שוויענטאַ וואָליאַ, אַזוי, אַז אין דעם שטעטל זענען געבליבן נאָר מיין שוועסטער דבורה מיט איר מאַן משה און די באָבע שייווע (מיין פאָטערס מוטער).

אומקום און נקמה

אין יוני 1941, ווען עס איז אויסגעבראָכן די קריג צווישן די דייטשן און די רוסן, איז אין די ערשטע טעג אומגעקומען מיין פאָטער. די אוקראַינער האָבן אים געשאָסן צוזאַמען מיט אַנדערע 80 יידן פון שטעטל. די טויטע קערפּערס זענען געלעגן אויפן פעלד נישט באַגראָבן, ווו הינט און ווילדע חיות האָבן זיי צעריסן און צעשלעפּט. ווען מיר האָבן באַקומען אַ דערלויבעניש פון דער מאַכט זיי צו באַגראָבן, איז שוין נישט געווען וועמען צו ברענגען צו קבר ישראל.

אין דער זעלבער צייט זענען אומגעקומען אין שוויענטאַ וואָליאַ מיין שוועסטער מיטן מאַן, ווי אויך די באָבע שייווע, אין אַ פּאָגראָם פון די אוקראַינער. מיין מוטער שרה־מאַשע און מיין פרוי צילע זענען אומגעקומען אין לוביעשאָווער געטאָ אין יאָר 1942, בעת אַן אַקציע פון איבער 350 פרויען און קינדער, וועלכע מען האָט אויסגעטאָן נאַקעט אין שול און געפירט איבער דער שטאָט צו די פאָרויסצוגעגרייטע גריבער, נעבן בית־הקברות, און זיי דאָרט דערשאָסן מיט מאַשין־געווער.

געבליבן בין איך איינער אַליין פון מיין גאַנצער פאַמיליע. פון דער לעצטער אַקציע אין לוביעשאָווער געטאָ אין נאָוועמבער 1942, איז מיר געלונגען צו אַנטלויפן. איך האָב זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ וואַלד, דערנאָך זיך דערשלאָגן אין אַ רוסישער פּאַר־טיזאַנער־איינהייט ווו איך האָב אין משך פון דריי יאָר, טאָג־און־נאַכט, געשטאַנען אויג־אויף־אויג קעגן די דייטשן און געקעמפט ווי אַ לייב, בכדי וואָס מער געהרגעטע דייטשן צו האָבן אויף מיינעם ריינעם געוויסן. איך האָב געלעכצט נאָך נקמה, פאַר מיינע עלטערן, שוועסטער און ברידער און פאַר אַלע יידן.

ענדע מערץ 1943, האָב איך אָנטייל גענומען צוזאַמען מיט אַ גרויסער גרופּע פּאַר־טיזאַנער אין אַ דרייטאָגיקער שלאַכט קעגן די דייטשן, אין שטעטל לוביעשאָוו, ווו עס זענען אומגעקומען מיינע נאָענטסטע. פיר אַ זייגער פאַרטאָג זענען מיר אַריין אין שטעטל, און איך בין גלייך צוגעשפּרונגען צו די צוויי גרויסע מאַסן־גריבער נעבן שול, ווו עס ליגן באַגראָבן עטלעכע הונדערט יידן. די גריבער זענען נאָך געווען פריש, די ערד האָט זיך דאָרט געשפּאָלטן און עס האָט פון זיי געשפּריצט ווי פון אַ פאָנטאַן שוואַרץ בלוט. איך בין געבליבן ווי פאַרשטיינערט, אָנגעשפּאַרט מיין קאָפּ אויף דער לופע פונעם

אויטאָמאַט, און מיט טרערן אין די אויגן האָבן מײַנע ליפּן זיך באַוועגט זאָגנדיק שטיל קדיש...

דערנאָך האָב איך זיך געלאָזט מיט דער גרופּע פּאַרטיזאַנער זוכן די באַנדיטן פון שטעטל. אין אַ געסל, נעבן קלויסטער, האָבן מיר באַמערקט די שטוב ווו עס האָט געוווינט דער אוקראַינישער אַטאַמאַן איסאַיעוו, דער אָנפירער פון די פּאָגראָמען און דער קאָמענדאַנט פון דער אוקראַינישער פּאָליציי. מיר זענען אַריין אינעווייניק און געטראָפן אים זיצן ביים טיש מיט חברים און שפּילן אין קאָרטן. אויפן טיש זענען געשטאַנען פלעשער שנאַפּס מיט פאַרבייסעכץ. כל־זמן איך וועל לעבן וועל איך געדענקען די סאַטיספאַקציע, ווען איך האָב מיטן אויסגעשטרעקטן פּיסטאָלעט אים באַפוילן זיך לייגן אויף דער ערד. איך האָב אים געטראָטן מיט די פיס אויפן דייטשישן שטייגער און מיטן אויטאָמאַט געקלאַפּט איבערן קאָפּ. ער האָט מיך דערקענט, געבעטן רחמים, אָבער איך בין נאָך מער ווילד געוואָרן און צום סוף איז אַ האַלב־טויטן אַרויסגעוואָרפן דורכן פענצטער און צוגעגעבן אַ גאַנצע סעריע קוילן. איך האָב געפילט אַ באַרואיקונג. כאָטש פון מיין שטערן האָט זיך געגאָסן אַ קאַלטער שווייס. עס האָט זיך מיר דאַן אויסגעדוכט, אַז איך בין דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט, נישט דערפאַר, ווייל איך בין לעבן געבליבן, נאָר דערפאַר, וואָס איך האָב די מעגלעכקייט זיך נוקם צו זיין אין די באנדיטן און מערדערס, וואָס האָבן אויף אַ גרויזאַמען אופן געמאָרדעט דאָס יידישע פאָלק.

אין מאַי 1944 האָט אונדזער פּאַרטיזאַנער־איינהייט זיך געטראָפן מיט דער רויטער אַרמיי אין שטעטל דאָמבראָוויצע, נעבן סאַרנע. איך בין אַריינגעטראָטן אַלס פרייוויליקער אין מיליטער און געקעמפט אויף דער ערשטער ליניע אויפן 3־טן פּריבאַלטישן פראָנט, געוואָרן צוויי מאָל פאַרוווּנדעט, דאָס לעצטע מאָל אין פּאַרק קלייפּעדאַ (מעמל), צוויי וואָכן פאַר דער ענדע פונעם קריג. פון ריגער שפּיטאָל בין איך געפאָרן גלייך קיין ביאַליסטאָק און אָנגעקומען אַהין אינעם טאָג פון פאַרענדיקן די מלחמה, דעם 9טן מאַי 1945.

מיין שטרעבן איז געווען צו באַזוכן כאָזשעל, אָבער פון יידישן קאָמיטעט אין וואַרשע האָט מען מיך אָפּגעהאַלטן, ווייל ס׳האָבן נאָך דאַן גראַסירט פּוילישע באַנדעס, וואָס האָבן געהרגעט יידן. מיט אַ יאָר שפּעטער, סעפּטעמבער 1946, האָבן איך באַשלאָסן פאַר יעדן פּרייז צו באַזוכן מיין היימשטעטל.

כאָזשעל נאָך דער מלחמה

געפאָרן בין איך פון דער פּראַגער אויטאָבוסן־סטאַציע (פּ.ק.ס.) לויט דער ליניע וואַרשע—נאַשעלסק—פּולטוסק—מאַקאָוו־מאַז.—פּרושניץ—כאָזשעל. אין אויטאָבוס האָט זיך אויף מיר קיינער נישט אומגעקוקט עס האָט זיך געלאָזט מערקן אַז אויך דער אויטאָבוס איז יידן־ריין. קריסטן פון דער וואַרשעווער פּראָווינץ, מיט פּעק און פּעקלעך, זיצן

אויף די בענק, עסן וווּרשט מיט ברויט, — דאָס זענען די „יורשים" פון די יידישע קליינהענדלער אויף דער וואַרשעווער ליניע וואָס האָבן דאָ אַזוי לעבהאַפטיק זיך באַוועגט פאַר דער מלחמה, אין געראַנגל פאַר פרנסה און עקזיסטענץ.

איך בין געזעסן ביים פענצטער און מיט אומעטיקע אויגן אָנגעקוקט די גרינע פעלדער, דערפלעך, ווו עס האָבן אַמאָל געלעבט יידישע משפחות, וואָס זענען געשענדעט און באַרויבט געוואָרן, פאַרברענט, פאַרניכטעט און אָפּגעווישט געוואָרן פון דער ערד. די יידן זענען דערשאָסן און באַגראָבן געוואָרן לעבעדיקערהייט דורך די היטלער־באַנדעס, — די מערדער פון יידישן פאָלק, די גרעסטע פאַרברעכער אין דער וועלט־געשיכטע, די, וואָס האָבן אָנגעצונדן דעם שרעקלעכן פייער פון אומקום אין אונדזער תקופה.

ווי אַ חלום שפּיגלט זיך אָפּ די דאָזיקע נאַקעטע ווירקלעכקייט, וואָס איך זע פאַר מיינע אויגן, דער זעלבער גורל וואָס האָט געטראָפן אונדזער באַליבט היים־שטעטל כאָזשעל, ווו איך פאָר איצט, ווי צו אַן אויסגעלאָשענער פּלאַנעטע. אָט בין איך שוין אין פּרושניץ, אונדזער פּאָוויאַט, ווו איך בין געשטאַנען צום פּריזיוו. איך האָב זיך אַרומגעקוקט איבערן מאַרק און אין די געסלעך, מיינענדיק, אַז איך וועל דאָ טרעפן שמילקע דעם בעל־עגלה, מיט זיינע צוויי אויסגעדאַרטע שקאַפּעס, וואָס פלעגן זיך שלעפּן פון כאָזשעל קיין פּרושניץ (32 קילאָמעטער) גאַנצע 3 שעה. מיר דוכט זיך, אַז ער איז געווען דער ערלעכסטער בעל־עגלה אויף דער וועלט, פון דעסטוועגן האָבן די דייטשן אויך צו אים קיין צוטרוי נישט געהאַט און פאַרקירצט אים דאָס ערלעכע שווערע לעבן.

דער אויטאָבוס פאָרט פאַרביי קליין־ און גרויס־קשינאָוולאָגע און קומט אָן קיין רעמבאַלין. אויף דער לינקער זייט דאַרף זיין דער הויף פון דער משפחה צווירקאָווסקי, דער איינציקער יידישער כאָזשעלער „דזשעדזשיץ". די פעלדער נישט באַאַרבעט, מען זעט נישט קיין שפּור פון לעבן אין דער שטוב, די שיינע ספּעקטן אונטער גלאָז, ווו ס'האָבן זיך אויסגעוואָרעמט פּריצייטיק פון דער זון פּאָמידאָרן מיט טרוסקאַווקעס, זענען פּוסט און פאַריתומט. אָט שטיי איך ביים קרייצוועג אַריינפאָרנדיק אין שטעטל (בזשעסק־רעמ־באַלין—פּשאַנטאַלינע: דאָ, אויף די דאָזיקע שאָסייען און אין די אַרומיקע וועלדלעך, האָט אַמאָל שפּאַצירט די כאָזשעלער יוגנט און יידישע פאַמיליעס האָבן דאָ פאַרבראַכט אויף זומער־ווינונג. אָט בין איך שטיין געבליבן נעבן אילאַטאַסקעס רויטן מויער, זיך דערנענ־טערט צום פענצטער פון קעלער ווו עס איז אַמאָל געזעסן איינער פון די ברידער ווינאַ, וואָס איז געוועזן משוגע (ער פלעגט שטענדיק שמייכלען און שפּייען). דער זייגער איז דריי נאָך מיטאָג, מ'זעט נישט קיין לעבעדיק נפש פאַר די אויגן. רעכטס ביים טייך, זעט מען סימנים פון ליכטנשטיינס פאַרברענטער מיל, ווו עס האָט אַמאָל אויסגעקלאַפּט טאָג און נאַכט דער מעכאַנישער טיק־טאַק. עס דאַכט זיך מיר, אַז די צוויי בריקן איבערן טייך

זענען מיט אַ מאָל קירצער געוואָרן, דאָס טייכל איז טיילווייז אויסגעטריקנט געוואָרן און פאַרוואַקסן מיט ווילדע געוויקסן.

דער אַריינקום אין שטעטל זעט מיר אויס ווי אַ פאַרלאָזטער אַלטער בית־הקברות. איך זע נישט זיצן אויפן טרעפּל דעם ערשטן בעל־הבית פון שטעטל — מויסעיקע. מען זעט נישט אין בריק־געסל נישט יוקלען, נישט דעם „אַלטן בורעך" מיט דער פּיקע, נישט די משפּחות יוכט, כץ און באַכראַך, נישט די פיל אַנדערע יידישע פאַמיליעס, וואָס האָבן זיך דאָ באַוועגט אין גערויש פון פרי ביז נאַכט. באַקאַנטע קריסטלעכע פּנימער דרייען זיך יאָ אַרום אין גאַס און קוקן אויף מיר ווי אויף אַ נעגער צווישן ווייסע.

איך קום אַריין אין מאַרק, נישטאָ „קאַשטשושקאָס פּאָמניק", נישטאָ קיין שילדן מיט די יידישע נעמען, נישטאָ קיין יידישע קונים, נישטאָ קיין יידישע מאַרק־שטייערס, אַפילו די שטיינער פון ברוק, דוכט זיך מיר, זענען מער איינגעזונקען און פאַרוואַקסן מיט ערד. אַלץ זעט מיר אויס מאָדנע קליין און איינגעשרומפּט. די דעכער פון די הייזלעך איינגעפאַלן און באַוואַקסן מיט מאָך, אומעטיקע, ווי זיי וואָלטן געבענקט נאָך זייערע בעלי־בתים. מען הערט נישט קיין יידישן קרעכץ, קיין יידיש געזאַנג. יידישע קינדערלעך לויפן מער נישט איבער די געסלעך און שפּילן נישט אין פּאַלאַנט. גרשון טרעגער גענעצט נישט אויפן טרעפּל ביי משה־הערשן דעם בעקער. שלום־אָשר קוקט נישט אויס קיין קונה פון זיין אָרעם קרעמל, ווי אויך אַנדערע יידישע סוחרים קוקן נישט אַרויס פון זייערע קראָמען. מ'זעט נאָר אַרומדרייען זיך עטלעכע שיכורע גויים אָן אַ שום אויסדרוק פון לעבן און פון מענטשלעכקייט.

איך האָב זיך אָוועקגעשטעלט אין ראָג, נעבן דעם קיילער ריקאָווסקי און געכאַפּט אַ בליק אַרום, בכדי זיך צו דערמאָנען וווּ עס האָבן דאָ געוווינט אַמאָל יידישע פאַמיליעס און קרעמערס. איך זע ווי אין חלום די משפּחה בעקערמאַן און אַקעגנאיבער — גוטלייזער, קאָהן, דער שוואַרצער משהלע, יענקל דער איינבינדער און פיל אַנדערע.

איך לאָז מיך גיין צו מיין שטוב. איך פיל ווי די פיס טראָגן מיך נישט. איך בלייב שטיין עטלעכע מאָל. אויפן דאַך זעט מען בלויז עטלעכע דאַכעווקעס, פון קוימען גייט אַ רויך, די פענצטער זענען טיילווייז פאַרשלאָגן מיט ברעטער. איך שטיי אויף דעם זעלבן אָרט, וווּ מיין טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער האָבן אַ לעבן געשאַפן, צענד־ליקער יאָרן געבויט זייער עקזיסטענץ. איך זע זיך אַליין אַלס קינד, ווי איך האָב זיך אַרום שטוב געשפּילט מיט אַנדערע יידישע קינדער, אויסגעהאַקט שויבן ביי שכנים, געשפּילט און געזונגען מיט מיינע עטלעכע ברידער אין דרויסן אויף אַ באַנק ביז שפּעט ביינאַכט. אַלץ ווי אַ חלום...

איך עפן די טיר פון שטוב. עס וווינען דאָרט פיר פאַמיליעס פרעמדע קריסטן, פון די פּיאַסקעס. זיי האָבן זיך שטאַרק פאַרוווּנדערט, ווען איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך בין דער בעל־הבית. די גאַנצע שטוב זעט אויס ווי אַ חורבה. איך בין גיך אַרויס מיט טרערן



ביים קבר פון מנוחה צווירקאָווסקי (1928)



ביים אָפּפאָרן פון לייזער צווירקאָווסקי



אַ גרופּע יוגנטלעכע אין פּורים תרצ״ו (1936)



אַ קורס פון עברית ביי דער „תרבות״־שולע

אין די אויגן. נעבן שטוב זע איך ווידער ווי אין אַ חלום אונדזערע שכנים: די משפחות בערלינקה, לאַניעננטער, זאַגאַצקער, מילשטיין, גליקאָווסקי שלמה דער קצב, טיק, גערליץ, קאָזיצע, אַנאַכאָוויטש, ציגנבאָק, ביישווייגער, סאָקאָלאָווער, מאנדערשטיין, פּאַטער און דזיעדזיץ.

איך בין אַריין צוריק אין מאַרק און געטראָפן דעם ערשטן באַקאַנטן קריסט, פּרעדעק פּאָלאָמסקי, דעם געוועזענעם בירגערמייסטערס זון. ער האָט זיך מיט מיר שטאַרק דער־פריט און דערציילט פאַרשידענע פּרטים פון עטלעכע יידישע פאַמיליעס, וואָס זענען דאָ געווען ביים דייטש. ער האָט מיר דערציילט, אַז נוטקע בערענט איז געווען אויסבאַהאַלטן ביי זיין מייסטער האַגע. צום סוף האָבן די גויים אים אויסגעגעבן און די דייטשן האָבן אים דערשאָסן. ער איז אַריין מיט מיר אין רעסטאָראַן צו יאַבלאָנסקין, געטרונקען מיט מיר אַ שנאַפּס, און באַלד זענען זיך צונויפגעלאָפן פיל באַקאַנטע קריסטן, יעדער פון זיי האָט געהאַט וואָס צו דערציילן, אַזוי ווי זיי אַלע זענען געווען יידן־פריינט און קיינער האָט נישט איינגעטונקט זיין האַנט אין יידיש בלוט...

איך בין אַוועק אַליין אין דער ריכטונג פון דער שול, אָבער אומזיסט האָב איך געזוכט אַ זכר פון דער שול און בית־המדרש. עס איז נישט געבליבן אַפילו קיין שטיין אויף דעם פּלאַץ, אַלץ פאַרברענט און פאַרניכטעט צוזאַמען מיט די הייליקע ספרי־תורהס.

פון דערווייטנס זע איך עטלעכע חורבות פון פּשיסוסקערס ברויז. אָט בין איך אין הערצאָגס הויף און זע עס ליגן אויסגעלייגט שטיינערנע מצבות מיט יידישע אויפשריפטן. גייענדיק ווייטער אין דער ריכטונג פון בית־הקברות, האָט זיך אַפילו קיין סימן נישט געלאָזט מערקן. ווען איך גיי אפילו 10 קילאָמעטער וואָלט איך דעם בית־הקברות נישט געפונען, ווייל ער איז פאַראַקערט און פאַרניכטעט. מען קען אַפילו נישט געפינען דעם ריכטיקן פּלאַץ ווו דער בית־הקברות איז אַמאָל געווען...

אַזוי האָב איך געזען מיין היימשטעטל נאָכן יידישן חורבן — דאָס שטעטל, וואָס איז געווען באַוווסט אין דער גאַנצער געגנט מיט זיינע לומדים מתנגדים און חסידים, מיט פאָרגעשריטענער יוגנט, ציוניסטישע און סאָציאַליסטישע באַוועגונגען, מיט בעלי־בתים און בעלי־מלאכות, סוחרים, אַרבעטער און האַרעפּאַשניקעס, וואָס האָבן ערלעך און שווער פאַרדינט זייער שטיקל ברויט און דאָך געווען צופרידן מיטן לעבן.

צום אָנדענק פון אַלע אונדזערע שטעטלדיקע קדושים, וואָס זענען אויף אַ בעסטיאַלישן אופן אומגעבראַכט געוואָרן דורך די רוצחישע נאַצישע הענט, וויל איך דאָ אויך פאַר־אייביקן עטלעכע עפּיזאָדן און טיפּן וואָס האָבן זיך ספּעציעל איינגעקריצט אין מיין זכרון.

„חילול שבת" פון מיין באָבען

אָנהייב פרילינג, ווען בייטאָג האָט שוין גוט געוואַרעמט די זון, כאָטש ביינאַכט איז נאָך געווען אַ ביסל פראָסטיק, האָט זיך אין שטעטל שוין געפילט אַ וואַרעמע שטימונג,

ספּעציעל ביי די אָרעמעלייט, ווייל זיי וועלן שוין נישט דאַרפן קיין האָלץ און קוילן צו הייצן... די רייכערע יידן פלעגן זיך זומער אָנגרייטן סטאָסן מיט געהאַקט האָלץ, דעריבער האָט זיי דער ווינטער נישט געקימערט. נאָך פורים פלעגט מען זיך שוין גרייטן צום פּסח, אַרויסנעמען די טאָפּלטע פאַרקלעפּטע פענצטער, אויסקאַלכן און ריין־מאַכן יעדעס ווינקעלע.

ביי אונדז אין שטוב פלעגט שטענדיק בלייבן אַ שפּאָר ביסל קוילן אין שטאַל, אויפן צווייטן ווינטער. איין מאָל, אַ פרייטיק פאַרטאָג, האָט מען דערהערט ווי עס גייט ווער אויפן בוידעם, האָט מען געמיינט, אַז דאָס איז זיכער אַ גנב. מיין פאָטער איז אַרויף אויפן בוידעם און דערזען זיין מאַמען, די באָבע שייווע, ווי זי שלעפּט אין פאַרטעך גרויסע ברילעס קוילן פון שטאַל אויפן בוידעם. האָט ער איר געפרעגט, פאַרוואָס זי טוט עס ? האָט זי געענטפערט, טאָמער וועט איבעראַיאָר אויספעלן קוילן, איז זיכערער אויפן בוידעם. דעם פרייטיק האָט זיך די באָבע פאַרנומען אַ גאַנצן טאָג מיט שלעפּן די קוילן, דערנאָך געמאַכט שבת ביי זיך אין צימער. זי האָט געמאַכט אַלץ פאַר זיך באַזונדער, ווייל זי האָט נישט געהאַט קיין צוטרוי צו אונדזער כשרות. נאָך דעם עסן האָט זי זיך געלייגט שלאָפן, ווי געוויינלעך, און גלייך איינגעשלאָפן אין אַ טיפן שלאָף.

פרייטיק ביינאַכט, איינס אַ זייגער, איז געוואָרן אַ גערודער אין שטעטל, מען שרייט „עס ברענט!". איך האָב געכאַפּט אַ בליק דורכן פענצטער און דערזען ווי דער הימל איז רויט פון פייער, ווייל אויפן וועג צום דאָרף בידעק האָט געברענט שידוועס וויאַטראַק. אַ געטומל, אַ געשריי, אַלע מענטשן לויפן צום פייער, אָבער דער וויאַטראַק האָט זיך פאַרברענט און אַלע האָבן זיך אומגעקערט צוריק אַהיים. קומענדיק אין שטוב, האָט יעדער דערציילט פּרטים פון דער שריפה, און ערשט פאַרטאָג איז מען איינגעשלאָפן.

שבת אַ גאַנצן טאָג איז די באָבע געלעגן אין בעט, נישט געגעסן, נישט געטרונקן. מ'האָט זי געפרעגט צי זי איז חס־ושלום נישט געזונט, האָט זי געענטפערט, — ניין. און אַזוי אַרום האָט קיינער נישט געוווּסט, וואָס עס איז מיט איר געשען. זונטיק ווידער דאָס זעלבע, מער געלעגן ווי אַרומגעגאַנגען, דאַן האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז מיט איר געשען. האָט מען גענומען נאָכפרעגן און זיך דערוווּסט פון אהרן־יצחק גליקס־בערג, אַז אונדזער באָבע איז געווען ביי זיין טאַטן הערשל פרעגן אַ שאלה. זי האָט גע־עפנט די טיר, זיך אַוועקגעשטעלט מיט דער פלייצע צו ר'הערשלען און מיט אַ הילכיק געוויין דערציילט דעם חטא וואָס זי איז באַגאַנגען : פרייטיק ביינאַכט, ווען דער וויאַטראַק האָט געברענט, האָט זי זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, שטאַרק דערשראָקן און צעטומלט, פאַרגעסן אַז עס איז פרייטיק־צונאַכטס, און אָנגעצונדן אַ ליכט ; מיט דעם האָט זי מחלל שבת געווען און זי בעט דערפאַר אַ שטראָף, זי זאָל אָפּקומען די זינד.

ר' הערשל איז געווען אַ שטילער, באַשיידענער מענטש און דערצו אַ גרויסער למדן. האָט ער איר רואיק געענטפערט, אַז דאָס איז נישט קיין עבירה, ווייל זי האָט דאָס נישט

געטאָן באַוווסטזיניק, דעריבער האָט זי נישט מחלל שבת געווען. אָבער מיין באָבע איז דערמיט נישט מסכים געווען און געפאַסט דריי טעג, ווי אויך טאָג־און־נאַכט געזאָגט תהילים. בלויז דערנאָך האָט זי געפילט, אַז עס איז איר לייכטער געוואָרן און אַז גאָט האָט איר פאַרגעבן די זינד...

דער טרעגער

אין אַ הייסן זומער־טאָג, גייענדיק פון דער פלאַזשע, האָט מיך פאַרהאַלטן גרשון טרעגער און דערציילט פון זיין פאַך. זיין היטל פאַררוקט אויפן קאַרק האָט זיך צוזאַמענ־געגאָסן מיט זיין ווייסער ברייטער פלייצע, וואָס פלעגט טראָגן אויף זיך זעקלעך מעל פון טעוול פאַטער („קוואַשניק") ביז דויד־הערש דעם בעקער, אין מאַרק אַריין, אָן קיין שום אָפּרו. זיינע מידע גרינע אויגן האָבן שיקלדיק אָבסערווירט מיין באַנעמונג צו אים. דיקע, גוטהאַרציקע, בלויע ליפּן האָבן אָנגעהויבן ריידן.

— ...אין אַ געוויסער מאָס בין איך געגליכן צו אַן אַלגעמיינעם דאָקטאָר אין אַ קליין שטעטל. אין אַ גרויסער שטאָט איז פאַראַן אַ דאָקטאָר פון אויערן, אַ צווייטער פון אויגן, אַ דריטער פון בויך־ווייטיק, אַזוי, אַז יעדע קרענק האָט זיי דאָקטאָר. דאָס זעלבע איז אויך מיט טרעגערס: אין וואַרשע זענען פאַראַן טרעגערס וואָס טראָגן קוילן, — טראָגן זיי נישט קיין מעל, די וואָס טראָגן אייזן — טראָגן נישט קיין מאַנופאַקטור, יעדער טרע־גער האָט זיין בראַנזשע. אָבער אין אַ קליין שטעטל איז אַ דאָקטאָר פון אַלץ און דאָס זעלבע איז מיט מיר, איך בין אַ טרעגער פון אַלץ. נו, בין איך נישט געגליכן צו אַ דאָקטאָר ?...

גערופן האָט מען אים גרשון „פאָניע", ווייל ער האָט געדינט אין דער רוסיש־צאַרישער אַרמיי. ווער עס האָט געהאַט געדולד און צייט, האָט געקאָנט פון אים הערן מעשיות אָן אַ שיעור פון זיין מיליטער־דינסט. ער פלעגט מער זיצן אויף די טרעפּלעך אין מאַרק און גענעצן אָדער ניסן, איידער אַרבעטן. זיינס אַ גענעץ אָדער אַ ניס האָט מען געהערט אין גאַנצן שטעטל. כמעט יעדן פאַרנאַכט פלעגט ער מיט אַ ווענדקע גיין צום טייך כאַפּן פיש. געווען אַ ספּעציפיש־קליינשטעטלדיקער טרעגער פון באַרוף, וואָס האָט שטענדיק געלעבט אין דחקות און אין נויט.

ר' וואָלף און זיין פּייקע

עס זענען געווען אַ שפּאָר ביסל יידן אין שטעטל, וואָס האָבן געריוכערט פּייקעס. מאָטיע־לייבע קאַרזעניאַק, משה זערעך (דזיעדזיץ), זיין זון שיעלע ביק, מיכאַל קצב, דער שוואַרצער משהלע און נאָך פיל אַנדערע. די לענגסטע און שענסטע פּייקע האָט געהאַט ר' וואָלף טיק, אונדערס אַ שכן. געווען איז ער אַ טיפּיש־פּאַטריאַרכאַלער ייד, אַ הויכער, אַ דאַרער, שטענדיק געטראָגן אַ שטריימל און אַ לאַנגע גלאַנציקע, זיידענע קאַפּאָטע,

געהאַט אַ לאַנגע, שיטערע, ברוינע באָרד. אין מויל האָט ער שטענדיק געהאַלטן אַ גרויסע, כּאַרדרייטע פּייקע, מיט זילבערנע מאָנאָגראַמען פון אור־אַלטע צייטן, געגליכן צו אַ סאַקסע־פאָן. זינט איך געדענק, נאָך אַלס קינד, שטייט מיר דער דאָזיקער ייד מיט דער פּייקע אין מויל, פאַר מיינע אויגן. אַזאַ טיפּ ייד פלעגט מען זעלטן טרעפן. אין שטוב פלעגט ער וויניק וואָס זיצן, ווייל זיין גאַנץ לעבן איז געווען דאָס זיצן אין בית־מדרש און לערנען.

איך בין דאַן געגאַנגען אין „חדר" צום רבין בן־ציון (מ׳פלעגט אים רופן „דער וואַרשעווער") און געלערנט האָבן מיר אין דער ווייבער־שול. איין מאָל, ווען דער רבי אי געגאַנגען עסן, האָט שמואלקעלע מייטעס געוויזן אַ קונץ און אַראָפּגעטאַנצט פון דער ווייבער־שול אין בית־מדרש. ר׳ וואָלף טיק איז פּונקט געזעסן און געלערנט, פאַרטראַכט אין אַ געוויסן פּסוק. און פון פלוצעמדיקן שפּרונג־קלאַפּ האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקן, אַזוי, אַז די פּייקע איז אים אַרויסגעפאַלן פון מויל און אויף שטיקלעך צעבראָכן געוואָרן. עס איז שווער איבערצוגעבן וואָס דאַן איז געשען: ער האָט געמאַכט אַזעלכע גוואַלדן, אַז יענקל דער בעדער איז געקומען צו לויפן. ער האָט זיך מיט אונדז אַלעמען אַרומגעיאָגט און געשריגן מיט זיין אייזערנער שטימע: „אַרויס פון בית־מדרש!" מיט ציטערדיקע הענט האָט ער געהאַלטן די צעבראָכענע פּייקע און זיך באַקלאָגט פאַרן שמש יחיל־דוד, אַז די פּייקע האָט ער שוין עטלעכע און צוואַנציק יאָר און צוליב די לאָבוזעס איז זי אים פון מויל אַרויסגעפאַלן. פון דאַן אָן, האָט קיינער פון אונדזער חברה נישט געוויזן זיך אין בית־מדרש ווען ר׳ וואָלף טיק האָט דאָרט געלערנט.

דער וואַסערטרעגער

ביי אונדז אין דער היים איז געווען אַ סאַדעוואַסער־פאַבריקל. פאַרשטייט זיך, אַז זומער איז די הויפּטזאַך געווען דאָס ברענגען וואַסער, ווייל קיין וואַסער־לייטונג איז נישט געווען, האָבן מיר געהאַט אַ שטענדיקן וואַסערטרעגער, אברהם פלודע, אַ ייד אַריבער זעכציק, שטאַרק קורצזיכטיק, געטראָגן בלויע ברילן פאַרבונדן אויף די אויערן מיט צוויי פאַרביקע בענדלעך, געטאָפּטשעט אין גרויסע שטיוול מיט הויכע כאָליעוועס. אין די גרעסטע היצן פלעגט ער שלעפּן מיט די פּידעס, אויף זיינע דאַרע פּלייצעס, פולע עמערס וואַסער, פון דזיאַבעק מילעוויסקעס ברונעם און פאַר אַ „מאָל" וואַסער פלעגט ער באַקומען 5 גראָשן. אין אַ הייסן טאָג פלעגט ער ברענגען ביז 40—50 „מאָל" וואַסער. בכדי צו וויסן דעם חשבון, פלעגט ער מאַכן מיט קרייט פּאַסעקלעך אויף דער רויטער טיר.


איין מאָל האָט אונדזער דינסט, וואַשנדיק די רויטע טיר, אויסגעמעקט אַלע פּאַסעקלעך. אברהם איז שטאַרק בייז געוואָרן און געוואָלט די דינסט דערלאַנגען מיט די פּידעס. ווען ער האָט זיך באַרואיקט האָט אים דער טאַטע געוואָלט באַצאָלן לויטן נעכטיקן טאָג, ווייל עס איז געווען די זעלבע היץ, און מען האָט כמעט דאָס זעלבע פאַרקויפט. האָט ער אָבער נישט געוואָלט און געשריגן, אַז ער האָט נישט קיין חשבון דאַרף ער נישט קיין געלט.



אַלטער



אברהם־יעקל „דער וואַסערטרעגער"



שמעון־אָרקע „דער משומד"



זלמן „דער זאַרעמבער"



די משפחה פון פנחס אייכלבוים



די משפחה פון שמואל פרענקל

דאָס איז געווען אַ טיפּ פון די פּשוטע ערלעכע יידן. זיין זון איז געווען אַ שוסטער, פון די בעסערע פאַכלייט אין שטעטל. די מוטער פלעגט פאַרקויפן זויער־קרויט. אין איין משפחה פאַרשידנאַרטיקע פרנסות, און ווייניק ברכות...

דער פעלדשער

אין יעדן שטעטל זענען געווען ראַטעבערס אין געזונטהייט־ענינים, וואָס האָבן גע־האַסט די דאָקטוירים מיט זייער מעדיצין. איינער פון זיי איז ביי אונדז געווען „דער גראָבער מלך״ — אַזוי האָט מען אים גערופן. געווען איז ער זייער אַ קאָמישער טיפּ, זיין ספּעציפישע פיזיאָנאָמיע און קליידונג האָבן געררייצט צו געלעכטער: אַ קליינער, מיט אַ גרויסן שפּיציקן בויך; אַ גרויסער רונדיקער קאָפּ מיט אַ קליין שוואַרץ, חסידיש היטעלע; קיילעכדיקע, גרויע אויגן; קורצע, דיקע הענט; אויף די פיס, נישט פאַרשנו־רעוועט גרויסע שיך; אַ לאַנגע, אַמעריקאַנער מאַרינאַרקע, פון אונטן מיט אַ שפּאַלט און האַלב־ברייטע, לאַנגע הויזן. זיינע הויפּט־מעדיקאַמענטן זענען באַשטאַנען פון צוויי אַרטיק־לען: פּיאַווקעס און פּענכערס צו לעוואַטיוועס, דעם ערשטן אַרטיקל פלעגט ער פאַרקויפן און דעם צווייטן — אויסבאָרגן.

נעבן אונדז זענען געווען בשכנות די יתומים פון דער משפחה זאגאצקער — צוויי עלטערע מיידלעך און צוויי ברידער, געלעבט זייער אָרעם און באַשיידן. איין מאָל איז איינער פון די ברידער (דוד דער בעקער) קראַנק געוואָרן. האָט מען גערופן דעם „גראָבן מלך״. איידער ער האָט נאָך געוווסט וואָס דעם קראַנקן איז, האָט ער מיטגעבראַכט אין אַ סלאָיק עטלעכע פּיאַווקעס און אין אַ בלוי זעקעלע איינגעוויקלט די לעוואַטיווע. דאָס ערשטע, האָט ער געזאָגט, דאַרף מען דעם קראַנקן געבן „אויף אָפּצופּירן״, דאָס הייסט מאַכן אַ לעוואַטיווע, וועט אים גלייך לייכטער ווערן און די היץ וועט אַראָפּפאַלן; צווייטנס, ווי דער שטייגער איז, דאַרף מען דעם קראַנקן אָפּציען מיט אַ פּיאַווקע אַ ביסל בלוט פון אונטערן אויער; דאָס זענען צוויי אויסגעפּרוווטע מיטלען, וואָס קאָנען נישט שאַטן און מ׳קאָן דערפון נישט שטאַרבן.

דער בחור איז פון ביידע „מעדיקאַמענטן״ נישט געזונט געוואָרן, דעריבער האָט מען גערופן דעם דאָקטאָר פּאָשעט, וועלכער האָט פעסטגעשטעלט אַ לונגען־אַנטצינדונג...

דער וואַלוטע־הענדלער

גערופן האָט מען אים דער „קליינער ראַבינאָוויטש״. ער איז געווען אַן איינגייער ביי אונדז אין שטוב, אויף אַ הייס גלעזל טיי. געווען איז ער אַ דאַר, קליין יידעלע, מיט אַ קיילעכדיק חסידיש היטעלע, וואָס האָט באַדעקט זיין שמאָלן קאָפּ; געהאַט טונקעלע האַלב־אָפענע אויגן, נישט קיין באַוואַקסענע ברעמען, דערפאַר אַ גרויסע, שפּיציקע, רויטע נאָז,

וואָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער האָט אים אויסגעבאָרגט ביי אַ פּורים-שפּילער. געהאַט האָט ער אַ מויל פרעמדע, גאָלדענע ציין, וואָס האָבן זיך רייצנדיק געשפּיגלט ביים רעדן פון אונטער זיינע שמאָלע ליפּן. געטראָגן האָט ער אַ לאַנגע, פאַרפּעצטע, שוואַרצע קאַפּאָטע. אַ קאָפּ האָט ער געהאַט אויסגעשאַרפט אין תורה און חכמה, באַוווסטזיניק, אָל-ווערלטלעך, געלייענט פיל ביכער פון דער מאָדערנער ליטעראַטור און צייטונגען. מיט איין וואָרט, עס איז געווען מיט וועמען „אַ וואָרט אויסצורעדן". זיין פרוי, לאה, איז געווען פיל עלטער פון אים, און זיי האָבן נישט געהאַט קיין קינדער.

ווען ער פלעגט אַריינקומען צו אונדז, האָט ער תמיד געהאַט פול אָנגעשטאָפּטע קעשענעס מיט געלט פון פאַרשידענע לענדער: ער האָט געביטן דאָלאַרן, ענגלישע פונטן, מאַרקן, רובלס, וועקסלען, טשעקן און פאַרשידענע ווערט־פּאַפּירן. מיט איין וואָרט ממש אַ „באַנק פאָלסקי" איז געווען ביי אים אין קעשענע. געווען אַ „שווערער ייד" צו געבן אַ נדבה, און איך ווייס נישט ביזן היינטיקן טאָג פאַר וועמען ער האָט געדאַרפט אַזוי פיל געלט און ווי אַזוי ער מיט זיין געלט זענען אַוועקגעקומען. דאַקעגן האָט ער די גאַנצע יאָרן געלעבט זייער אָרעם, זיך נישט דערלויבט גוט אָפּצועסן און באַקליידן. געוווינט אין איין צימער, אַזוי ווי די אָרעמעלייט. זיין סוף איז געווען אַזאַ ווי מיט אַלע יידן — ער איז אומגעקומען פון היטלערס הענט.

„פּראַיעם" מיט די קאָזעס

אפרים פראָם איז געווען דער איינציקער אין שטעטל, וואָס האָט יעדן טאָג געפּאַשעט קאָזעס אויף „האַגע דעם שטומענס" בערגל, וואָס איז געווען באַוואַקסן מיט גראָז. „פּראַיעם" איז געווען אַ ביסל נישט־דע־באַקן, מער ווי פּאַשען קאָזעס האָט ער נישט געוווסט. ער האָט געטראָגן אַ חסידיש היטעלע, אַ לאַנגע, שמוציקע קאַפּאָטע, גרויסע שיך — דאָס איז געווען זיין שטענדיקע קליידונג. פון זיי לאַנגער רויטער נאָז האָט שטענדיק גערונען. געהאַט האָט ער אַ שמאָלן פּנים מיט צוויי נאַרישע אויגן, און קיין באָרד איז אים נישט געוואַקסן. איין מאָל האָב איך אים געפרעגט, וויפל מילך גיבן די קאָזעס, האָט ער מיר געענטפערט: „די מאַמע ווייס"...

ווער געדענקט נישט דעם הויכן, דאַרן פּאָליציאַנט, מיטן אייגל — נאָוואַק. ער איז איין מאָל אַרויס פון שטוב און זיך פאַרטשעפּעט אין דעם שטריק מיט וועלכן די קאָזעס זענען געווען צוגעבונדן, און האָט זיך אויסגעצויגן ווי גרויס ער איז געווען. האָט ער געמאַכט אויף „פּראַיעמען" אַ גרויס געוואַלד און אים געגעבן אַ קאָפּע מיטן פוס. „פּראַ־יעם" האָט זיך שטאַרק דערשראָקן, זיך אַוועקגעזעצט אין אַ זייט, געזעסן שטיל און נישט געענטפערט. פון מורא און שרעק איז אים די נאָז ווייס געוואָרן ווי שניי און געקוקט האָט ער מיט איין אויג אויף דעם פּאָליציאַנטס שטיוול, צי זיי ווענדן זיך נישט ווידער אין דער

ריכטונג פון זיין אונטערשטן חלק. נאָוואַק האָט זיך פון אים אויסגעדרייט, אַ ברום געטאָן מיט אַ פּוילישער קללה און איז אַוועק.

ווען „פּראָיעם" האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט ער נישט געזען די קאָזעס, ווייל זיי האָבן זיך פון שרעק אָפּגעריסן און אַוועק. קומענדיק אין שטוב איז זיין מאמע אַרויפגעפאַלן אויף אים: סטייטש! דו היטסט נישט אָפּ די קאָזעס, זיי קומען אַליין צו לויפן אין שטוב. דאַן איז „פּראָיעמען" לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן און דערציילט דער מאַמען דעם גאַנצן אמת.

אַ פּריצייטיקער טויט

דעם 21טן אויגוסט 1964, איז געשטאָרבן אין ישראל פּנו אַ האַרץ־אַטאַק חיים־דוד קאָזיצא, אין עלטער פון 53 יאָר. שטייענדיק ביי זיין קבר אין אשדוד, האָבן זיך מיר דערמאָנט אונדזערע געמיינזאַמע אַמאָליקע יאָרן אין כאָזשעל.

אין דער יוגנט, זענען מיר געווען פאַרשידנאַרטיק געשטימט, זיך געטיילט אויף געזעלשאַפטלעכע קלאַסן און פּאָליטישע ריכטונגען. שווער איז דאַן געווען צו טראַכטן, אַז עלטערן זאָלן זייערע קינדער לאָזן לערנען און שטודירן. דעריבער האָבן פיל פון אונדז זיך דערלערנט מיט די אייגענע כוחות, אין וויסן, ליטעראַטור, בילדונג. פיל טאַלאַנטן זענען אַזוי אַרום פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן און פאַרלוירן געגאַנגען, איינער פון זיי איז געווען חיים־דוד קאָזיצא.

זיינע פעאיקייטן זענען געווען אומבאַשרייבלעך: ער איז געווען אַ טאַלאַנטפולער מוזיקער (געשפּילט מייסטערהאַפט אויף פינף אינסטרומענטן) און פאַרפאַסט אַליין מעלאָדיעס צו זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען (געשריבן האָט ער לידער און דערציילונגען וועגן אונדזער שטעטעלע). פיל פון זיינע שאַפונגען זענען געווען געווידמעט א״ץ־ישראל, געבענקט פון דערוווייטנס נאָך דעם אייגענעם לאַנד. אין זיינע לידער האָט זיך געפּילט אַ קליינשטעטל־דיקע יידישע מורא און פיין פאַר דעם קומענדיקן מאָרגן, אין פאַרשאָלטענעם גלות. ער האָט פאַרפאַסט אַ ראַפּסאָדיע צום ליד „פּאַפּיראָסן", וואָס שילדערט די אַנטוויקלונג פון קינדערישע „חדר"־יאָרן ביזן טיפן, אָרעמען, יידישן עלטער; ווי אויך אַ ראַפּסאָדיע צום ליד „אַוווּ איז דאָס געסעלע, ווו איז די שטוב". אין יאָר 1939, עטלעכע חדשים פאַרן קריג, האָט ער געשאַפן אַ טעאַטער־שטיק וועגן יידישן לעבן אין כאָזשעל, וואָס איך האָב מיט אים צוזאַמען אויפגעפירט אין זאַל פון „תרבות"־ביבליאָטעק.

זיין לעבנסשטייגער האָט אים נישט דערלויבט זיך צו פאַרפולקאָמען און אַרויסצוגעבן זיינע שאַפונגען פאַר דער עפנטלעכקייט, כאָטש ער איז געווען אַ וווּנדערבאַרער פאַכמאַן (דענטיסט). אָבער וויפל ער האָט פאַרדינט, איז אים תמיד געווען צו ווייניק, ווייל ער האָט זיך געפירט מיט דער „ברייטער האַנט", געלט איז געווען ביי אים בלאָטע, נישט אָפּגע־

שאַצט דעם ווערט דערפון. ער האָט נישט געהאַט די ריכטיקע געזעלשאַפט, וואָס האָט אים געדאַרפט געבן אַ מעגלעכקייט אויסצונוצן זיינע פעאיקייטן אויפן ריכטיקן וועג.
בעתן לעצטן קריג, האָט דער גורל אים פאַרוואָרפן אויף סיביר, אין טיף רוסלאַנד. ער איז איינער פון די מלחמה־העלדן, וואָס האָט אַלס סאָלדאַט פון רוסישן מיליטער געקעמפט אין די שלאַכטן מיט דער דייטשער פאַשיסטישער אַרמיי, דורכגעמאַכט דעם לאַנגן און שווערן קאַמפּס־וועג אין דער געשיכטע — צרות, סכנות, ליידן און פּיין. נאָכן קריג האָט ער זיך באַזעצט אין וורא‏צלאַוו (פּוילן) און אין יאָר 1957 איז ער געקומען קיין ישראל.

צו פרי איז ער אַוועק פון אונדז. זיין קבר אויפן אַשדודער בית־הקברות, איז צוגע־פּאַסט צו זיינע אַמאָליקע שאַפונגען וועגן ארץ־ישראל. ער האָט געחלומט צו שטאַרבן אין דעם ארץ־ישראלדיקן מדבר. אין אשדוד, נישט ווייט פון כביש, זעט מען עטלעכע איינזאַמע מצבות אויפן נייעם בית־הקברות — קיין ביימעלע, קיין גרינס, קיין ריכטיקער וועג, נאָר וויסטע זאַמדן באַדעקן די עטלעכע קברים.

די טראַגעדיע פון טויט איז נישט אַזוי גרויס, ווען ער קומט אין דער ריכטיקער צייט און אויפן ריכטיקן פּלאַץ. חיים־דויד איז אַוועק פון אונדז נישט אין דער ריכטיקער צייט — פיל צו פרי — אָבער דאָך אין ישראל.

וויפל כאָזשעלער יידן האָבן דעם דאָזיקן זכות נישט דערלעבט ?...

טרייע פריינד - יהודה און רחל ניבארסקי

צום קרייז פון אונדזערע טרייע פריינד פאַררעכענען מיר די משפחה פון יהודה־מאיר ניבאַרסקי, וועלכע האָט פיל מיטגעווירקטביים שאַפן אַ געזעלשאַפטלעך־קולטורעלע אַטמאָספער צווישן דער יוגנט אין כאָזשעל. די משפחה האָט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה עמיגרירט קיין אַרגענטינע און איז עד היום געבליבן טריי דער טראַדיציע פון אונדזער אַמאָליקער היים. י. מאיר און רחל ניבאַרסקי זאָרגן דערפאַר, אַז זייערע קינדער זאָלן איינזאַפּן אין זיך די אַלע גוטע זייטן פון יידישן לעבן, וואָס האָבן כאַראַקטעריזירט אונדזער אַמאָליקער קהילה און טוען אַלץ וואָס מעגלעך כדי אָנצוהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיט די לעבן־געבליבענע כאָזשעלער לאַנדסלייט אין גאָר דער וועלט און ספּעציעל אין ישראל. די גמילות־חסדים־קאַסע פונעם לאַנדסמאַנשאַפט־פאַרבאַנד אין ישראל איז כמעט פולשטענדיק זייערס אַן אויפטו.

אונדזערע טרייע פריינד היטן אָפּ מיט גאָר גרויס כבוד דעם אָנדענק פון אַלע כאָזשעלער קדושים און האָבן בייגעטראָגן זייער וויכטיקןביישטייער פאַר אונדזער אַלגע־מיינעם פאַראייביקונגס־ווערק.

דער קאָמיטעט



דער ערשטער מאָטאָציקליסט איז אַריינגעפאָרן אין שטעטל...



בעת אַ פוילישער נאַציאָנאַלער פייערונג דעם 3־טן מאַי 1921



די יידישע תלמידים פון דער מלוכהשער (פוילישער) פאָלקס־שולע



די לערער און תלמידים פון דער מלוכהשער (פוילישער) פאָלקס־שולע אין יאָר 1934

שמואל לאַכאָווער

צוויי ביבליאָטעקן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה

פאַרשידנאַרטיק זענען געווען די דאָזיקע ביבליאָטעקן, סיי לויט זייער אינהאַלט און סיי לויט זייער צוזאַמענשטעל.

די ערשטע — איז געווען אַ ביבליאָטעק פאַר אַרבעטער, אַ סאָציאַליסטישע. אירע גרינדער זענען געשטאַנען אונטער דער השפעה פון דער ערשטער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד (1905). אין די גרעסערע רוסישע שטעט האָט נאָך געטליהעט דאָס פייער, אָבער אין די קליינע שטעטלעך פון פוילן האָט עס זיך ערשט פאַנאַנדערגעברענט.

קיין כאַזשעל איז דעמאָלט אַראָפּגעקומען דער יונגער לערער פּנחס גראַובאַרד, אַ זון פון אַ סאָכאַטשאָווער האָלץ־סוחר און גוטבאַזיצער. אים האָט אַראָפּגעבראַכט צו זיך ישראל־לייביש קראָנענבערג קיין רעמבאַלינעק אויף קאָנדיציע ד. ה. ער זאָל לערנען זיינע קינדער רחל׳טשע און פיניע. דער אינהאבער פון פאַלוואַרק רעמבאַלינעק ר׳ הירש קראָנענבערג — ישראל לייבישעס פאָטער — אַ ייד אַ בן־תורה, פלעגט זיצן און לערנען און געלאָזט דעם זון פירן די געשעפטן. כאָטש דער זון איז געווען אַ ביסל אַסימילירט, פונדעסטוועגן האָט ער געשטרעבט אַז זיינע קינדער זאָלן באַקומען יידישע און וועלט־לעכע דערציאונג.

אַלע מאָל ווען ס׳איז אַראָפּגעקומען אַ לערער אין שטעטל, פלעגט ער אויך „געבן שטונדן" ביי אונדז אינדערהיים. אונדזער מוטער פלעגט זאָגן: „כ׳וויל אַז מיינע קינדער זאָלן זיין צו־גאָט און צו־לייט". אַזוי אַרום האָבן אויך דבורה און משה, מיין שוועסטער און ברודער, געלערנט ביי דעם לערער דעם „פּועלי־ציוניסט" פּנחס גראַובאַרד, דעם שפּעטערדיקן יידישן שרייבער און פאָלקלאָריסט. און ער האָט טאַקע משפּיע געווען אויף זיי אין סאָציאַליסטישן גייסט. צו דעם קרייז זענען צוגעשטאַנען: שמחה־יעקב, שאַפּראַן, דער זייגערמאַכער, שמואל מר־חיים, און מרים־שרה׳טשע זילבערמאַן, יעק׳ל דעם איינבונדערס טאָכטער. אויף איר האָט אויך געהאַט גרויס השפּעה איר ברודער אברהמ׳ל, וועלכער האָט זיך געלערנט זייגערמאַכעריי ביי משה אָפּאַטאָווסקי אין מלאַווע און באַקומען בילדונג ביי זיין לערער פּיווול אָפּאַטאָווסקי, וועלכער האָט שוין דאַן געהאַט פאַרעפנטלעכט זיינע סיפּורים אין לאָנדאָנער „הדגל" ווי אויך אין אַנדערע יידישע זשורנאַלן. (דיביידע זענען יוסף אָפּאַטאָשוס עלטערע ברידער וועלכע זענען אומגעקומען דורך די נאַצעס).

ווי ס׳האָט זיך איינגעקריצט ביי מיר אין זיכרון, איז די אַרבעטער־ביבליאָטעק

באַשטאַנען פון אַ 300 — 400 ביכער; ווי אויך כמעט אַלע בראָשורן פון פאַרלאַג „די וועלט" אין ווילנע צווישן זיי געדענק איך: „דאָס ערפורטער פּראָגראַם" פון קאוטסקי; ביאָגראַפיעס פון מאַרקס און ענגעלס; ווערק פון שלום־עליכם, דינעזאָן, ספּעקטאָר און מענדעלע מו"ס (פון פאַרלאַג „היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני" אין ניו־יאָרק); פיליפּ קראַנץ'ס „קולטור געשיכטע" און זיינע ביאָגראַפיעס וועגן באַרימטע יידישע פּערזענלעכ־קייטן; ווי אויך זשול ווערנס ווערק, און אַ סך אַנדערע ביכער. דאָס איינקויפן די ביכער איז געווען אין די הענט פון כאָזשעלער שפּיליטער ר' שמואל פרענקל, וועלכער פלעגט פאָרן יעדע וואָך קיין וואַרשע.



רחל'טשע קראָנענבערג

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אין דער צאַריסטישער צייט איז די ביבליאָטעק געווען אומלעגאַל, זי האָט זיך געפונען ביי אונדז אין קינדער־צימער און די לעזער פלעגן גלייך נאָכן באַקומען דעם בוך אויף גיך זיך אָפּטראָגן, כדי נישט צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער פּאָליציי.

אַלע ביכער זענען געווען קאַטאַלאָגירט לויט די נעמען פון זייערע מחברים, און עס איז אויך געפירט געוואָרן אַ פּינקס פון די לעזער.

ביי דער ביבליאָטעק האָט עקזיסטירט אַ דראַמאַטישער קרייז און כ'געדענק ווי

מ׳האָט צוגעגרייט שלום־עליכמס „מזל טוב״ (מיין שוועסטער דבורה אין דער ראָל פון „ביילע די קעכן״ און שמואל מר־חיים אלס „ר׳ אלטער״). כ׳געדענק אַז מען האָט רעפּעטירט צום דעקלאַמירן ביאַליקס „דאָס לעצטע וואָרט״, פרוגס „זאַמד און שטערן״ און דבורה — מאָריס ראָזענפעלד׳ס „דער שטורעם אויפן ים״.

נישט לאַנג האָט געדויערט די שמחה, מיט דער ביבליאָטעק און דראַמטישן קרייז, מהאָט געמסר׳ט די פירער און אנטיילנעמער און מען האָט אַלץ געמוזט ליקווידירן.

די ערשטע העברעאישע פאָלקס־ביבליאָטעק האָט געהאַט מער מזל און האָט געטראָגן אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער: זי איז באַשטאַנען פון אַ 500—600 ביכער, בעיקר בעלעטריסטישע (ווי „ספרי אגורה״ פון בן־אביגדור, „ביבליותיקה עברית״ פון הוצאת „תושיה״) און אַן אָפּטיילונג פאַר קינדער־ליטעראַטור. די גרינדער זענען געווען: משה ניצקין ,דבורה און משה לאַכאָווער, שמואל מר־חיים, רחל׳טשע קראָנענבערג און לאה ליכטענשטיין. לאה האָט געפועלט ביי איר פאָטער מאָטל ליכטענשטיין צו האַלטן די ביבליאָטעק ביי זיך אויפן בוידעם־שטיבל.

צו יענער צייט האָט אָנגעהויבן ווירקן אין שטעטל מרדכי אייזענשטאַדט, דער משכיל, וועלכער האָט געוואָלט פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן די פאָלקס־שיכטן און געזוכט וועגן ווי אַזוי צו אויסברייטערן די ביביליאָטעק אויף אַ לעגאַלן אופן. מיט דער הילף פון דער „יידישער ליטעראַרישער געזעלשאַפט״ אין פעטערבורג, וועלכע האָט געהאַט דאָס רעכט צו עפענען ביבליאָטעקן איבערן גאַנצן תחום המושב״ פון די יידן אין פוילן און רוסלאַנד, איז אויך אין כאָזשעל געעפנט געוואָרן אַ פיליע פון דער געזעלשאַפט. אַזוי ארום האט די פאָלקס־ביביליאָטעק זיך געעפנט אויפסניי אינעם הויז פון אברהמ׳קע עקיבא נח׳ס, (אין דער בודקער גאַס) און ס׳האָט געמאַכט אַ רושם אין שטעטל.

מרדכי אייזענשטאַדט האָט געזאָרגט, אַז די ביבליאָטעק זאָל האָבן אויך אַ וויסנשאַפטלעכע אָפּטיילונג בעיקר ביכער פון דער הוצאת „אחיאסף״, צווישן זיי: „תולדות השלמת האדם״ פון ליפערט; „דעת האלהים״ פון שמעון בערנפעלד; שלמה רובינ׳ס ווערק; גרעצ׳ס „דברי ימי־ישראל״; „דור דור ודורשיו״ פון א״ה ווייס; די „ספריה למדעי היהדות״ פון „הד הזמן״ אין ווילנע; ווי אויך אנדערע וויכטיקע אויסגאַבעס.

די ביבליאָטעק האָט עקזיסטירט ביז 1911, אין דעם יאָר האָבן אירע גרינדער פאַרלאָזט כאָזשעל: משה ניצקין, משה און דבורה לאַכאָווער זענען אַוועק קיין וואַרשע; מרדכי אייזענשטאַדט, שמחה אַדלער און אליעזר מר־חיים האָבן עולה געווען, אלס די ערשטע חלוצים פון אונדזער שטעטל, קיין ארץ־ישראל. אין כאָזשעל האָבן זיך דאַן נישט געפונען קיין נייע כוחות וואָס זאָלן קענען ממשיך זיין די קולטור־אַרבעט פון דער ביבליאָטעק.

הגר הערצאָג (אדלער)

מיין פאַרשניטענע היים

...ווען מיר זענען פון קליינע קינדער געוואָרן בחורות און בחורים, האָבן מיר קריטיקירט אונדזער שטעטל, געזוכט זיך צו באַפרייען פון די אַלטע מנהגים אירע. אָבער ווען עמיצער פון אונדז פלעגט פאַרלאָזן כאַזשעל, האָט ער פון די מרחקים געבענקט נישט נאָר נאָכן שטעטל, נאָר אַפילו, נאָך דעם טייך אַרזשיץ אין וועלכן מען פלעגט זיך פאַרמעסטן מיט די אַרטיקע שקצים אין שווימען, כאָטש מען האָט אין שרעק תמיד געוואָרט, ער זאָל צונעמען זיין יערלעכן קרבן... מען האָט געבענקט אַפילו נאָכן פשאַנטעלינער וואַלד מיט זיינע יאַגאָדעס און לאַמבורן, נאָך די קוסטעס אין וועלכע מיר האָבן זיך געשפּילט־באַהאַלטן און הילכיק געלאַכט...

מיינע זכרונות פירן מיר צו יאָסל־מאיר לייבס הויף, דער גרויסער הויף, באַוווינט דורך אַ סך שכנים. כ׳געדענק די אַלטע סילקע, ווי זי פלעגט אַרומגיין אַהין און צוריק איבערן הויף און רעדן צו זיך. מיר קינדער האָבן מורא געהאַט פאַר איר, ווייל זי פלעגט מורמלען וועגן משיחן, אַז ער זאָל וואָס גיכער קומען, אַז אַלע זאָלן אויסשטאַרבן און שפּעטער אויפשטיין תחיית־המתים...

אין דעם הויף אין וועלכן מיר האָבן געוווינט, איז מיין ברודער אַהרון געווען דער אָנפירער פון אַלע קינדער פון אַלע אַרומיקע הויפן. ער איז געווען דער איניציאַטאָר פון אַלע קינדערישע אונטערנעמונגען און דער אָרגאַניזאַטאָר פון אַלע זייערע שפּילערייען. איינמאָל, אַ פסח, האָט ער איניציאירט אַזאַ מין אונטערנעמונג: מען האָט אויפגעדעקט אין אַלע הויפן די גריבער אין וועלכע די שכנים האָבן געהאַט פאַרדעקט אויף איבער יום־טוב די חמצדיקע כלים, זיי אַריבערגעטראָגן אין אונדזער הויף און פאַרשטעקט דאָרט צווישן די סטאָגעס ברעטער. נאָך יום־טוב זענען די ווייבער געגאַנגען אַרויסנעמען די כלים פון די גריבער און געמאַכט אַ „ויצעקו״ אַזוי, אַז דאָס גאַנצע שטעטל איז געגאַנגען „כאַדאָראַם״. צום סוף האָט מען אַנטדעקט דעם איניציאַטאָר פון דער מעשה און ער האָט טאַקע פון מיין טאַטן ע״ה באַקומען דעם געהעריקן שטראָף.

*

די ערשטע אָנרעגונג פאַרן געדאַנק פון חלוצישן ציוניזם ביי אונדזער יוגנט, האָבן אַרויסגערופן די רעפעראַטן פון הייסן ציוניסט ווייסער, וואָס האָט גערופן צו פערזענלעכער פאַרווירקלעכונג דורך עליה קיין ארץ־ישראל. אין גאָר אַ קורצער צייט נאָך זיינע אויפטריטן, האָבן טאַקע עולה געווען די ערשטע דריי חלוצים: שמחה

אַדלער, לייזער מרחיים און מרדכי אייזנשטאַדט. דער א״ד ווייסער האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון מיט זיינע פּלאַמיקע רעדעס וועגן ארץ־ישׂראל, וואָס האָבן דערוועקט ביי דער יוגנט נייע חלומות וועגן אַן אייגן לאַנד. ער האָט אָבער אויך איבערגעלאָזן נאָך זיך טראַגישע דעראינערונגען פון זיין משונהדיקן טויט. ער האָט געוווינט ביי קריסטן, וועמענס טאָכטער האָט זיך אין אים שטאַרק פאַרליבט, און בעת ער איז געלעגן קראַנק אין אַ שווערן טיפוס און פאַרלאָרן דעם באַוווסטזיין האָבן די עלטערן פון דער שיקסע געבראַכט אַ גלח און אים אָפּגעשמדט. ער איז שוין פון קראַנקן־בעט נישט אויפגעשטאַנען, און אין שטעטל האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די קריסטן האָבן אים אויך אָפּגעסמט. נאָך זיין טויט זענען אַראָפּגעקומען קיין כאָזשעל משפחה־מיטגלידער און געפאָדערט אַן אויספאָרשונג וועגן זיין טויט, אָבער אין צווישנצייט איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה און דער דאָזיקער סוד איז פאַרבליבן אויף אייביק אין ווייסערס קבר...

*

כ׳געדענק די ערשטע טעאַטער־פאָרשטעלונג אין שטעטל, וואָס מיין ברודער אברהם־מיכל אַדלער האָט אָרגאַניזירט מיט אָרטיקע אַמאַטאָרן, נאָך זיין צוריקקער פון מיליטער־דינסט אין טיף רוסלאַנד, ווו ער איז געווען צוגעטיילט צו אַ מוזיקאַלישער אָפּטיילונג. ער האָט אויסגעקליבן די פעאיקסטע בחורים פון שטעטל און אויפגעפירט מיט זיי די שפּיל „דוד און גלית״, וואָס איז באַשטאַנען פון רעציטאַטאָריש־מוזיקאַלישע פראַגמענטן (מאָנאָלאָגן, דיאַלאָגן און כאָר) פאַרפאַסט און קאָמפּאַנירט אויף אַ קאָלעקטיוון אופן דורך די מיטגלידער פון דער אַמאַטאָרן־טרופּע. די ערשטע אויפפירונג איז פאָרגעקומען פורים ביים רב אין הויז און דערנאָך עטלעכע מאָל ביי משה הערציג אין הויז. דאָס גאַנצע שטעטל, קינד־און־קייט, זענען געלאָפן אָנקוקן דעם „ספּעקטאַקל״, וואָס האָט אַרויסגערופן גרויס ענטוזיאַזם סיי ביי די קינדער, סיי ביי די דערוואַקסענע.

*

כ׳געדענק דעם צוריקקער פון די „ביעזשענצעס״ נאָכן פאַרענדיקן די ערשטע וועלט־מלחמה. אַ גרויסער טייל פון די פאַרטריבענע יידן פון שטעטל, וואָס זענען אַוועק קיין סיביר אין אָנהייב פון דער מלחמה, זענען שוין מער נישט צוריקגעקומען, אָבער די וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט האָבן גענומען בויען אויפסניי זייער עקאָנאָמיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. אַ צאָל יוגנטלעכע האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ קולטור־קרייז וואָס האָט גענומען אויף זיך די אויפגאַבע, אויפשטעלן ווידער די פריערדיקע ביבליאָטעק, וואָס דבורה לאַכאָווער האָט אָרגאַניזירט פאַר דער שטעטלדיקער יוגנט. די אַקטיוויסטן פאַרן ווידעראויפבוי פון דער ביבליאָטעק זענען געווען: אַלטער ציטריניאַזש, איטשע קאָזשעניאַק, ליבע פּשיסוסקער, הגר אַדלער און שלמה הערצאָג.

אַ צווייטע גרופּע יוגנט־אַקטיוויסטן האָט באַלשאָסן ווידער אָרגאַניזירן אַ דראַמאַטישן צַמאַטאָרן־קרייז, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט שפּילן טעאַטער.

די ערשטע רעפּעטיציע איז פאָרגעקומען אין שבועות, בעת די עלטערן זענען געווען אין שול ביים דאַווענען. האָט מען טאַקע בעת־מעשה דערטראָגן אין שול די ידיעה, אַז מען איז מחלל יום־טוב בפרהסיא און אַז יינגלעך מיט מיידלעך צוזאַמען שפּילן טעאַטער. האָט דער מורה הוראה ז״ל באַפוילן איבערצורייסן דאָס דאַווענען און איז בכבודו ובעצמו, באַגלייט דורך אַ גרויסער גרופּע קצבים בעלי־עגלות און סתם־יידן, אַראָפּגעקומען צום פּלאַץ פון די בעלי־עבירהניקעס. די יידן פון דעם מורה־הוראהס קאַפּעליע האָבן זיך געריסן מיט רוגזה אין הויז אַריין, אָבער שלמה הערציג, וואָס איז געווען אַ תלמיד ביים מורה־הוראה, האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל אַריינגיין אין הויז אַליין און וועט זיך איבערצייגן, אַז די גאַנצע מעשה איז אַ בילבול. דער מורה־הוראה איז אַריין אין שטוב, האָט מיט זיינע פרומע אויגן זיך אַרומגעקוקט אַרום און אַרום און געזען פאַר זיך אַ גרופּע פון בלויז יינגלעך (אָן איין מיידל) נישט קיין גרימירטע און נישט אויף אַ סצענע, וואָס זענען געזעסן „גאָט די נשמה שולדיק״ און האָבן איינגעחזרט דעם טעקסט פון אַ פאָרשטייענדיקער פאָרשטעלונג. אַזוי אַרום איז קלאָר געוואָרן אין שטעטל, אַז דער „ויצעקו״ וועגן חילול יום־טוב און „שמלת אישה״ איז ווייט איבערגעטריבן און ס׳לוינט זיך נישט וועגן דעם איינצורייסן וועלטן...

נאָך דעם דאָזיקן פאַקט, האָבן די יוגנטלעכע זיך גענומען פילן אַ ביסל פרייער און מען האָט גענומען צוציען צום דראַמאַטישן קרייז אויך פעאיקע מיידלעך. איך בין געווען איינע פון די ערשטע „אַרטיסטינס״, וואָס האָבן אויפגעטראָטן אויף דער „כאָזשעלער בינע״. מיין פאָטער האָט זייער געליטן דערפאַר, ווייל חסידים האָבן נישט געוואָלט עסן פון זיין שחיטה, בעת זיין „אויסגעלאַסענע״ טאָכטער האָט זיך אַריינגעצויגן אין „טעאַטער־שפּיל״. מען האָט אים דערפאַר אַזוי לאַנג גערודפט, ביז ער האָט באַשלאָסן אָנקוקן מיט זיינע אייגענע אויגן, וואָס קומט דאָרט פאָר בעתן שפּילן. איין מאָל, בעת אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג, האָט ער זיך פאַרגנבעט ביי אַ פענצטער און נאָכגעקוקט, וואָס קומט דאָרט פאָר אינעווייניק. ער איז געשטאַנען אַזוי אַ פּאָר שעה, זיך צוגעקוקט ווי די יוגנטלעכע „מאַכן זיך נאַריש״, געשאָקלט מיטן קאָפּ און געמורמלט צו זיך: קינדער, נו נאַרישע קינדער, סתם קינדערישע נאַרישקייטן... אָבער די פאַנאַטישע עלעמענטן אין שטעטל, האָבן נישט געטיילט די דאָזיקע מסקנה פון מיין פאָטער און האָבן אים נישט אויפגעהערט צו רודפן אַלס שו״ב בכל זמן איך האָב געשפּילט טעאַטער.

מיין ברודער יוסף איז צו יענער צייט אויך געווען „פאַרקראָכן אָן אַ זייט״ אָבער אין ערנסטערע ענינים: ער האָט געלערנט יוגנטלעכע העברעאיש און געהאַט פאָרלעזונגען אויף ציוניסטישע טעמעס. די יוגנט האָט זיך אָנגהויבן איינטיילן אין



די משפחה הערצאָג



אַ גאַנצע כאָזשעלער משפחה (?) צוזאַמען...



רבקה הערצאָג



נחמן טיקולסקער



שמחה בערלינקא



משה ראָזענבלום

געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע גרופּעס, בעיקר ציוניסטישע, אָבער ס׳האָט זיך אויך אויסגעפורעמט אַ גרופּע פון „בונד״ און פון נאָך לינקערע. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף פאַר השפּעה אין שטעטל און דער דאָזיקער קאַמף האָט זיך אָפּגעשפּיגלט בעיקר אין דעם, ווער וועט באַלעבאַטעווען אין דער אַלגעמיינער ביבליאָטעק. טראָץ דעם, האָט די געזעלשאַפטלעך־קולטורעלע טעטיקייט פון דער יוגנט געטראָגן אַן אַלגעמיין־שטעטלדיקן כאַראַקטער: מען האָט אָראָפּגעבראַכט פּרעלעגענטן, אָרגאַניזירט פאָרשטעלונגען און עקסקורסיעס, געפירט קרייזן פון זעלבסטבילדונג אד״ג. אַזוי צום ביישפּיל, האָט דער יידישער דאָקטאָר געהאַלטן לעקציעס וועגן אַנאַטאָמיע, משה און באַשקע צווייערקאָווסקי האָבן זיך איבערגעגעבן דער יוגנט אויפן געביט פון טעאַטער, ראַבינאָוויטש און טיק האָבן געלערנט פידל־שפּילן.

*

עס זענען געווען אין שטעטל אַ סך טייערע מענער און פרויען, וואָס האָבן זיך איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן פאַרשידענע געביטן פון געזעלשאַפטלעך־סאָציאַלער טעטיקייט, געזאָרגט פאַר נויטבאַדערפטיקע, געהאָלפן אָרעמע־לייט. און געטאָן האָט מען דאָס אַלץ אָן קיין שום וועלט־אָנשויאונג אָדער פּאָליטישער איינשטעלונג פּשוט אַזוי, מיט אַ יידיש האַרץ, פאַר דער אייגענער נשמה, פאַר גאָט און פאַר לייט, טיילמאָל אונטערן צייכן פון משונהדיקייט און אָריגינעלקייט.

נעמט די צוויי שוועסטער שרה און מרים קלמנס: זיי האָבן אַרויסגעוויזן האַרציקייט און וואַרעמקייט פאַר נויטבאַדערפטיקע און געשטראָפטע. ווען אונדזער מוטער איז אָפּגעשטאָרבן, האָבן די א״ד צוויי שוועסטער איבערגענומען אַלע זאָרגן פאַר אונדז יתומימלעך און זענען ממש געווען אונדזערע באַשיצערינס, דערציערינס און פאַרזאָרגערינס אויף אַלע געביטן.

נעמט די שטוב פון דוד קאָוואַל: ליבע, די מוטער, האָט זיך געטיילט מיט אַנדערע מיטן לעצטן ביסל נאַפּט, מעל אָדער פעטס בעת דער דייטשער אָקופּאַציע אין דער ערשטער וועלט־מלחמה; לאה איז געווען אַן „אייביקע״ זאַמלערין פאַר אָרעמע־לייט; שלמה האָט געטיילט נדבות מיט אַ ברייטער האַנט; מלכה פלעגט „שלעפּן״ פון פאַמיליען־שאַנק העמדער אָדער ליילעכער און צעטיילן צווישן נצרכים.

נעמט שרה יוכט (פון דער פאַמיליע קאָוואַל): אין די ברענענדיקע פרעסט פלעגט זי זיך „אַריינכאַפּן״ אין איר מאַנס שטיוול און פוטער, אַרויסלאָזן זיך איבער די רייכע הייזער פון אירע חברטעס־פרויען (ליבע קאָוואַל, גיטל קאָוואַל, הגר הערציג א״אַ) און „אויסשנאָרן״ כלערליי נויטיקע זאַכן פאַר אָרעמע קינדער און פרויען.

נעמט אונדזער שטיף־מוטער, די גערופענע „חזנטע״: זי האָט זיך פאַרנומען מיט עזרת־חולים — געשטעלט באַנקעס, געמאַכט קאַנעס, „אָפּגענומען״ קינדער ביים געבורט און (להבדיל) גענייט תכריכים פאַר געשטאָרבענע. איר „קאָנקורענט״ אין די

דאָזיקע „געביטן" איז געווען מלך ציטרינאַזש: ער האָט זיך אַזוי אויסגעספּעציאַליזירט אין פאַרשידענע „מעדיצינישע" פּראַקטיקעס, אַז דער שטעטלדיקער דאָקטאָר פלעגט אים גאָר אָפט מיטנעמען אין אומגעגנט כדי צו מאַכן „אַ שוואַרץ שטיקל אַרבעט" (מלך ציטרינאַזש פלעגט טאַקע זאָגן, אַז ער איז דעם דאָקטאָרס „עקזיסטענץ" און געמיינט האָט ער „אַסיסטענט").

נעמט מיין שוויגער, חייטשע הערצאָג; זי און איר מאַן יהושע האָבן זיך אויסגעצייכנט נישט נאָר מיט זייער קאָנקרעטער הילף פאַר אָרעמעלייט נאָר מיט דעם אופן אין וועלכן זיי האָבן די הילף געטראָגן — באַשיידן, מיט טיפער ליבשאַפט, ממש פּאַטריאַרכאַליש.

*

די ווייטערדיקע עפּיזאָדן זאָגן ווידער עדות אויף טיפע און אָריגינעלע אנטפּלעקונגען אינעם לעבן פון יחיד און כלל אין אונדזער פאַרשינטענער שטעטלדיקער פאַרגאַנגענהייט.

דאָס ווייב פון ישראלקע דער כהן — בלימע, האָט געהאַט דריי שוואַכקייטן: 1) אויף יעדן פּסח פלעגט זי אויפנייען אַ נייעם בגד פאַרן שייגעץ פּאַטפּאָר, דעם שטעטלדיקן וואַסער־טרעגער, און אַרויפציען אויף אים דעם בגד בעת ער פלעגט גיין נאָכן וואַסער פאַר איר (אַזוי אַ גאַנץ פּסח, כדי אויסצומיידן אַ חשש פון חמץ); 2) אַז זי פלעגט גיין אין „מקווה" (יעדע וואָך) איז זי דאָרט אָפּגעזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט און זיך צענדליקער מאָל אויסגעטובלט פון אַלע טמאדיקע בעלי־חיים (הינט, קעץ, מייז), וואָס זי האָט זיך אויף זיי געהאַט אָנגעשטויסן אין משך פון דער פאַרגאַנגענער וואָך; 3) זי איז אַרומגעגאַנגען און געזונגען פאַר זיך דאָס דעמאָלט פּאָפּולערע לידל: „ברוך שולמאַן איז אַרויסגעגאַנגען", וואָס האָט געשילדערט דעם טראַגישן גורל פון אַ יידישן בחור, וואָס האָט זיך אַליין געבראַכט אַלס קרבן פאַרן כלל...

יעקב קאָזשעניאַק איז אויך (אין געוויסן זין) געווען אַזאַ מין „קרבן": בעת זיין ווייב יאַכטשע איז שטאַרק קראַנק געווען, האָט ער געטאָן אַ נדר, אַז אויב זי וועט געזונט ווערן, וועט ער דעם גאַנצן לעבן זיינעם סיי ווינטער, סיי זומער, וועקן דעם עולם צו עבודת־הבורא. אָט זע איך פאַר מיינע אויגן אַ טיפע פרייטיקדיקע ווינטער־נאַכט: די פענצטער פאַרפרוירן; אַ טויטע שטילקייט, פּלוצלינג דער זייגער שלאָגט אויס פיר, אונטערן פענצטער דערהערט זיך אַ בת־קול — שטייט אויף יידעלעך צו עבודת־הבורא". איך בין דאַן געלעגן אין אַן אויסגעוואַרעמטער בעט און געטראַכט: וויפל ליבשאַפט, מסירות־נפש און טריישאַפט צו גאָט און צו מענטש, זענען פאַרקערפּערט אין אָט דער שליחות־מצווה פון אָט דעם פּשוטן יידן...

מענדל פאַרבאַראָוויטש און מרדכי פּשיסוסקער האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין

זכרון בעת דעם „פּאַראַד" פון אַריינפירן אַ נייע ספר־תורה אין שול קורץ פאַר מיין אָפּפאָר קיין ארץ־ישראל. די ספר־תורה איז געוואָרן אויסגעריכט ביי דעם ערשטן אין הויז, און דער צווייטער איז געגאַנגען בראש פונעם „פּאַראַד", פאַרפּוצט אין ווייס־בלויער קליידונג, ווי די פאָן פון ציון. דאָס גאַנצע שטעטל גרויס און קליין, האָט מיטגעמאַכט מיט פרייד, בטחון און התלהבות דעם אימפּאָזאַנטן צערעמאָניאַל פון אַריינפירן אַ נייע ספר־תורה און דאָס אַריינשטעלן איר אין היכל, און יעדער איינער פון זיי האָט באַשיימפּערלעך געפילט, אַז ער באַטייליקט זיך אין אַ גרויסער רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער אימפּרעזע.

*

און צום סוף, אַ פּאָר ווערטער וועגן מיין פאָטער ע"ה — ש"ץ ושו"ב ר' משה־שמעון אדלער — דער אומפאַרגעסלעכער טאַטע, ייד און מענטש. ער איז געווען אין שטעטל נישט נאָר אַ סמל פון דער רעליגיעזער אינסטיטוציע, וואָס אירע פונקציעס האָט ער אויסגעפילט נאָר אויך אַ סאָציאַלע אינסטיטוציע אַליין פאַר זיך, קודם כל אויפן געביט פון באַזאָרגן מיט ברויט און באַהייצונג אַלע נצרכים אין דעם. ער האָט אַליין געזאַמלט געלט פאַר די דאָזיקע צוויי באַדערפענישן, אַליין געטראָגן דאָס ברויט און אַליין געשלעפּט דאָס האָלץ, אַליין געבראַכט דאָס נויטיקע צום נצרך אין שטוב אַריין אַזוי, אַז ער זאָל נישט באַמערקן דאָס די הילף איז אים געקומען פון אַ מענטשלעכער האַנט. נישט איינמאָל איז ער צוריקגעקומען פון באָד אָן דעם העמד אויפן לייב, ווייל ער האָט זי דאָרט אָפּגעגעבן אַן אָרעמען יידן, וואָס האָט בכלל קיין העמד נישט געהאַט. נישט איינמאָל פלעגט ער פאַרשווינדן אויף גאַנצע אָוונטן פון דער היים, ווייל ער האָט זיך מתעסק געווען מיט אויפריכטן אַן אָרעמע כלה צו איר חתונה אָדער מיט אויפמונטערן אַ פאַרשמאַכט קינד פון אָרעמע עלטערן. ער האָט אין זיין דאָזיקער הילפס־טעטיקייט אַריינגעלייגט זיין גאַנצע נשמה און האַרץ און דאָס שטעטל האָט אים געשעצט און געאַכטעט דערפאַר. ווען ער איז אַלט און אָפּגעשוואַכט געוואָרן, האָט ער דאָך פאָרגעזעצט די אַקציע פון זאַמלען שטיצע פאַר אָרעמלייט און דאָן, ווו נאָר ער פלעגט אָנקלאַפּן מיטן שטעקן אויף אַ טיר האָט מען אים אַנטקעגנ־געטראָגן די שטיצע מיט אַ ברייטער האַנט. ווען ער איז געלעגן און געגוססט אויפן טויטן־בעט, האָבן צענדליקער אָרעמע פרויען אויפגעפּראַלט אין שול דעם ארון־קודש און „אָפּגערעכנט" זיך מיט זייערע יאָרן פאַרן רבונו של עולם, לטובת דעם פאָטער...

אָט שטייט ער מיין פאָטער פאַר מיינע אויגן אין דער נאַכט פון יום־כיפּור, איינגעהילט אין שניי־ווייסן קיטל און זאָגט „כל נדרי". אָט פיל איך זיינע צאַרטע הענט, וואָס ער פלעגט אַרויפלייגן אויף מיין קאָפּ פאַרן אַרויסגיין פון שטוב צו „כל נדרי". אָט זע איך די עדה כאַזשעלער יידן, פאַר וועלכע ער האָט אין משך פון לאַנגע

יאָרן אויסגעבעטן ביי גאָט געזונט און פרנסה און וועלכע ער האָט ליב געהאַט ווי אייגענע ברידער...
פאַרשוווּנדן די עדה פאַרשניטן די ברידער.

מנחם לאַניעַנטער

געשטאַלטן און עפּיזאָדן

„קידוש השם" פון הרב ר' יצחק־מאיר סלאָווני

ער איז געווען סיי אַן עילוי אין תורה און סיי אַ „פאַרברענטער" ציוניסט אין מעשים. זיין שטוב איז געווען שטענדיק פול מיט יוגנטלעכע. ער האָט ליב געהאַט צו דיסקוטירן מיט זיי און שטענדיק קומען צום אויספיר, אַז דער איינציקער וועג איז די עליה קיין ארץ־ישראל.

ער האָט געפירט אַ טאָגבוך און ביז שפּעט אין דער נאַכט פלעגט ער זיצן ביים לעמפּעלע און אַריינשרייבן אַלע טעגלעכע געשעענישן.

ער האָט געהאַט אַ פרוי מיט 4 קינדער (2 זין און 2 טעכטער), אָבער קיין נחת האָט ער פון זיי נישט געהאַט. די קינדער האָבן נישט געוואָלט לערנען אין קיין ישיבות און כאָטש ער האָט דערפון געהאַט גרויס עגמת־נפש, האָט ער נישט געפּרוווט זיי צווינגען צו טאָן זיין ווילן.

פון דער נאַטור איז ער געווען אַ גרויסער פחדן און ספּעציעל זיך געשראָקן פאַר פּאָליציי און געווער. איין מאָל, ווינטער (1929) אין אַ גרויסן פראָסט, זענען מיר געפאָרן פון וואַרשע. אויף איינער פון די באַן־סטאַציעס זענען אַריין אין וואַגאָן עטלעכע קריסטן, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט פון יאַגד מיט זייערע ביקסן. ר' איטשע־מאיר איז גלייך פאַרשוווּנדן און מ'האָט אים געזוכט אומעטום מער ווי אַ שעה, ביז מען האָט אים געפונען אַ האַלב־פאַרפרוירענעם ביי דער טיר פון וואַגאָן, גרייט אַרויסצושפּרינגען.

אויגוסט 1939, זענען מיר געזעסן עטלעכע עסקנים פון קק"ל און געשמועסט וועגן דעם פּאָליטישן מצב. ר' יצחק־מאיר האָט געזאָגט, אַז ער איז איבערצייגט, אַז ס'וועט זיין אַ מלחמה, און האָט אויפגעוויזן פון אַ געוויסן ספר, אַז דער קריג איז אומפאַרמיידלעך און אַז ס'וועט זיין נישט גוט מיט די יידן. „מ'דאַרף אַנטלויפן!" — האָט ער אויסגערופן.

— פאַרוואָס זיצט איר דאָ? — האָט עמעצער געפרעגט.

— איך וויל נישט זיין דער ערשטער — האָט ער געענטפערט.

פאַרן קריג־אויסברוך איז ער און די גאַנצע משפּחה אַריבערגעפאָרן קיין אָטוואָצק, ווייל זיין איידעם האָט געשטאַמט פון דאָרט. אין אָטוואָצק, בעתן אַריינמאַרש פון די דייטשן, האָט עמעצער געשאָסן אויף זיי. די דייטשן האָבן צוזאַמענגעיאָגט אַלע יידן אויף איין פּלאַץ און דערקלערט, אַז אויב ס׳וועט זיך נישט אָפּרופן דער ייד, וועלכער האָט געשאָסן, וועלן זיי פאַרברענען אַלע יידן. דאַן איז אַרויסגעטראָטן פון די שורות ר׳ יצחק־מאיר סלאָווני און געזאָגט, אַז אַז ער האָט געשאָסן... די דייטשן האָבן אים צוגעבונדן צו אַ פערד און געשלעפּט איבער דער ערד ביז ער האָט אויסגעהויכט זיין הייליקע נשמה.

דער גוטבאַזיצער משה צווירקאָווסקי

דער איינציקער יידישער גוטבאַזיצער אין דער אומגעגנט, איז געווען משה צוויר־קאָווסקי. זיין הויף האָט געדינט אַלס טרעפפּונקט פאַר דער יוגנט (יעדן שבת נאָך מיטאָג), וואָס האָט דאָרט זיך פאַרנומען מיט ספּאָרט.

ער איז געווען אַ טעאַטער־ליבהאָבער און פיל געהאָלפן דעם דראַמאַטישן קרייז אין שטעטל.

טראָץ דעם, וואָס ער גופא איז געווען אַ סימפּאַטיקער פון „בונד, האָט ער מסכים געווען צו גרינדן ביי אים אין הויף אַ הכשרה־קיבוץ פאַר דער יוגנט פון „„אגודת־ישראל", וואָס האָט זיך געגרייט פאָרן קיין ארץ־ישראל.

משה צווירקאָווסקי האָט איבערגעלעבט די מלחמה און געשטאָרבן אין וואַרשע, אין יאָר 1961.

ר׳ אברהם שער

ער איז געווען דער בעל־תוקע. ער האָט געקענט אַ סך מלאכות, אָבער פּרנסה האָט ער נישט געקענט אַרויסברענגען (זיין באַשעפטיקונג איז געווען, ברענגען סחורות פון וואַרשע). דאָך איז ער שטענדיק געווען פריילעך, אין אַ גוטן הומאָר.

די משפּחה שער האָט זיך גערעכנט פאַר אַ גאָר פיינע און בכבודיקע משפּחה. אַלע קינדער זענען געווען זייער פעאיק, אָבער צום באַדויערן איז קיינער פון דער משפּחה נישט פאַרבליבן.

יוסף טיק שפּילט טעאַטער

ער איז געווען אַן אָרעמער קרעמער און קוים באַזאָרגט פּרנסה פאַרן ווייב מיט די 3 קינדער. דאָך איז ער געווען אַ גרויסער טעאַטער־ליבהאָבער און ספּעציעל ליב געהאַט די פּיעסן פון גאָלדפאַדען. אַחוץ דעם, האָט ער 30 יאָר געשפּילט פידל. קיין שפּילער נישט געווען, אָבער געלערנט פידל־שפּילן אַנדערע.

איין מאָל האָט מען געדאַרפט פאָרשטעלן „דעם ווילדן מענטש" און די הויפּט־ראָל האָט געשפּילט אַ יוגנטלעכער פון אַ שכנותדיק שטעטל. היות אָבער דער דאָזיקער אַרטיסט איז קראַנק געוואָרן, האָט יוסף באַשלאָסן צו שפּילן די ראָל. זיין פרוי וואָס האָט די גאַנצע צייט געהאַט צו אים טענות, אַז אַנשטאָט צו זאָרגן אויף פּרנסה פאַרנעמט ער זיך גאָר מיט „פּוסטע מעשיות", האָט בעת דער פאָרשטעלונג געמאַכט אַזאַ סקאַנדאַל, אַז מ'האָט געמוזט די פאָרשטעלונג איבעררייסן.

אויף די צווייטע וואָך שבת־צו־נאַכטס, האָט מען געבראַכט פון קראַסנאָשעלץ אַ „ווילדן מענטש" און דורכגעפירט די פאָרשטעלונג.

פישל סטאָליער פאָרט קיין ארץ־ישראל

פישל איז געווען אַ גרויסער אָרעמאַן, כאָטש ער האָט געמאַכט מעבל פאַר רייכע מענטשן. ער פלעגט שטענדיק זאָגן, אַז ער קען נישט מאַכן קיין פּשוטע אַרבעט: „אויב איר ווילט פּשוטע אַרבעט טאָ גייט צו לייזערן, ווייל מיין אַרבעט איז אַ ספּעציעלע"...

ווען זיין פרוי האָט געפאָדערט ביי אים געלט אויף שבת, פלעגט ער זאָגן, אַז מען קומט אים געלט און ער דאַרף גיין אָפּנעמען. האָט אָבער דאָס ווייב געזאָגט, אַז זי וועט אַליין גיין אָפּנעמען די חובות, פלעגט ער איר נישט לאָזן גיין... איין מאָל, ווען זי האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז זי גייט צום רעיענט אויפמאָנען אַ חוב, האָט פישל געשריען אויף איר: „דו קענסט דאָך נישט רעדן מיט מיר, ווי אַזוי וועסטו רעדן מיטן רעיענט?"...

אין יאָר 1924 האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אין שטעטל, אַז מ'פאַרשרייבט פאַכלייט אויף צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. פישל האָט באַשלאָסן צו פאָרן און איז אַוועק אין דערי תרבות־ביבליאָטעק, וווּ ס'איז פאָרגעקומען די רעגיסטראַציע צום אויספילן די נויטיקע פּאַפּירן.

— ווי הייסטו? — האָט מען אים געפרעגט.

— פּנחס — האָט ער געענטפערט.

— דו הייסט דאָך פישל — האָט מען אים געזאָגט.

— טאָ צו וואָס פרעגט איר — האָט ער געענטפערט.

— דיין באַרוף?

— אַ סוחר.

— דו ביסט דאָך אַ סטאָליער — האָט מען אים געזאָגט.

— טאָ צו וואָס פרעגט איר — האָט ער געענטפערט.

און אַזוי האָט זיך געצויגן דאָס געשפּרעך, אָבער ווען ס'איז געקומען צום אונטערשריפט, האָט פישל דערקלערט, אַז ער שרייבט נישט אונטער.

— אפשר קענט איר נישט? — האָט עמעצער זיך אָפּגערופן.

— טאָ צו וואָס פרעגט איר — האָט ער געענטפערט.

פישל איז קיין ארץ־ישראל נישט געפאָרן. „פאַר יידן וועט אין פּאַלעסטינע סיי ווי קיין אָרט נישט זיין", האָט פישל געזאָגט...

חיים דויד קאָזשיצע

צוויי לידער

דאָס ערשטע ליד פון אונדזער לאַנדסמאַן חיים־דויד קאָזשיצע, איז דורך אים פאַרפאַסט געוואָרן אין כאָזשעל אין יאָר 1933, בעת היטלער איז געקומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד און גלייך האָט זיך פאַרשטאַרקט די אַנטי־סעמיטישע איינשטעלונג פון דער פוילישער באַפעלקערונג. דאָס ליד איז אָפּגעהיט געוואָרן אין זכרון דורך אהרן קאָוואַל (נפחא) און איז דורך אים אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין שריפט פאַר דעם בוך, אין חיפה אין יאָר 1965. גלייכצייטיק איז אונדז צוגעשיקט געוואָרן דאָס צווייטע ליד, פאַרפאַסט דורכן אויטאָר אין וורצלאַוו (פוילן), אין יאָר 1952.

ד ע ר ר ע ד אַ ק ט אָ ר

הער מיך אויס, גאָטעניו

ווען איך בין אַ קינד געווען,
אין חדר מיך געשיקט.
די מאַמע האָט אַ טלית־זעקל געשטריקט.
געלערנט האָב איך חומש־רש"י,
און אויף גאָט געפרעגט קיין קשיה.
דער ענגער חדר האָט מיך נישט געשטיקט.

כ׳געדענק, דער רבי פלעגט מיך שמייסן,
פאַר אַ שמוציק וואָרט,
און כאָטש ער איז געווען אַ כעסן,

געליבט האָב איך אים פאָרט.
ליב געווען איז מיר דער בייזער
רבי מיינער — ר׳ לייזער.

אַ פּילנדיק־יידיש האַרץ האָט ער פאַרמאָגט,
געשיכטעס וונדער־שיינע
דערציילן פלעגט ער אונדז, די יינגלעך קליינע;
פון אתה בחרתנו קינדער,
פון איין גאָט מיט גרויסע וונדער
און אין שיינעם חלום אונדז פאַרוויגט.

שנעל געביטן זיך ס׳לעבן,
אין טעכניק און קולטור.
דאָס קינד הערט אויף חלומות וועבן.
שוין רייף צו זיבן יאָר.
די שולע לערנט אים באַלד האַסן,
מען טיילט די קינדער איין אין ראַסן.

נישטאָ קיין ברויט אין שטוב,
אויפן יאַריד ר׳ יענקל פאָרט.
גוואַלד! וואָס טוט מען אָבער
מיט דעם יידישן נאָז, פאות, באָרד?
עס וואַרטן דאָרט אויף אים פּיקעטן,
דרענגער, קלויניצעס, קאָסטעטן.

דאָס יינגסטע קינד קוים דריי מאָנאַטן,
די מאַמע בעט ביי גאָט:
ברענג בשלום אים זיין טאַטן,
דערבאַרעמדיקער טאַטע־גאָט.
מיט חוצפה לאַכט דער טייוול,
פון דער פרום־נאַיווער ווייבל.

צוגערויבט דאָס ביסל דלות,
יענקל איז געבליבן בלויזביים טלית.
בלוט עס רינט פון זיין שטערן,

זאָג זשע גאָטעניו וואָס וועט ווערן?
מיר עקשנים זענען יאַטן,
מיר וועלן קיין מאָל דיך פאַרראַטן...

עס לייכט אין מזרח דאָרט אַ שטערן,
דאָרט רופט די שטים פון די פּיאָנערן,
עס דונערט זייער רוף.
דאָרט חלוצים קינדער מוטיקע,
דאָרט מען אַקערט פעלדער בלוטיקע,
דאָרט מען שטאַרקט דיין גוף.

העלפט די ערד דאָרט אויסצולייזן,
דער וועלט אַ וווּנדער,
וועלן מיר דאָרט ווייזן.
קוקט נישט אויף קיין פּאָליטיקן,
ווענדע קיין ציון דיינע בליקן,
עוד לא אבדה תקוותנו!

איך וויל אַ היים

איך וויל אַ היים, איך וויל, איך בענק,
די גרויסע וועלט איז מיר צו ענג.
דאָרט צו מיין קליינעם זיסן לאַנד,
דאָרט ווו עס שטייט אַן איינזאַמע וואַנט...

איך דאַרף קיין גליקן דאָ נישט מער,
דערפון בלייבט איבער נאָר אַ טרער.
גענוג געגעבן שוין די וועלט,
פון אונדז מיליאָנען זעקס שוין פעלט...

קיינעם שמעקט דאָ נישט מיין נאָז,
יעדער האַלט דיך פאַר אַ האָז
מעגסטו קעמפן ווי אַ לייב,
נישט קיינער זעט, נישט קיינער גלויבט...

איך וויל אַ היים עס איז שוין צייט,
מיין ברודער האָט זי צוגעגרייט.
ער האָט זי אויסגעקעמפט מיט בלוט,
אים האָט נישט אויסגעפעלט קיין מוט...

איך וויל אַ שטוב מיר בויען דאָרט,
איצט אין נגב איז מיין אָרט.
איך וויל אַ היים דאָרט איז מיין גליק,
דער גלות קומט שוין נישט צוריק.



די משפחה קאָזשיצע



בעתן אָפפאָרן פון הדסה אַלטער אויף הכשרה



אַ גרופע יוגנטלעכע בעתן אָפפאָרן פון שרה אייכלבוים (ערשטע פון רעכטס) קיין ארץ־ישראל (1933)





לאה פאַטער

דינה און שלום פאַטער



שומעי קורסים עבריים ע״י „תרבות״
העברעאישע קורסן ביי „תרבות״ (1936)

י. מ. ניבאָרסקי

די טייערע יידן פון אונדזער שטעטל

איך און מיין פרוי האָבן באַזוכט ישראל קרוב 10 מאָל און יעדעס מאָל האָבן מיר מיטגענומען פרישע איינדרוקן פונעם יידישן לאַנד. כאָטש מיר פלעגן זיך טרעפן יעדעס מאָל די זעלבע טייערע לאַנדסלייט און איבערגעחזרט די זעלביקע אַמאָליקע זכרונות, פלעגן מיר תמיד פילן אויפסניי די נאָענטקייט פון דער בשותפותדיקער פאַרגאַנגענהייט.

מען האָט דערמאָנט די פאַרלאָפענע יוגנט־יאָרן, די גאַסן און געסלעך ווו אונדזערע עלטערן האָבן געוווינט. מען דערמאָנט אונדזער היימשטעטל — דעם מאַרק, די בריק־גאַס, די רודע, די גראַניטשנע — דאָרט ווו מיר זענען געבוירן געוואָרן. מען דערמאָנט די שוסטער, די קאָמאַשנמאַכער, די בעלי־עגלות, די מילנער די קאָוואַלעס די אייזן־סוחרים, די שניט־סוחרים, די גאַלאַנטעריע־געוועלבער, די תבואה־הענדלער, די מלמדים, די לערער די חזנים, די שוחטים, די פיש־הענדלער, די קצבים, די תהילים־זאָגער, די ציוניסטן, די בונדיסטן, די העברעאיסטן, די יידישיסטן, די חסידים, די מתנגדים. מען האָט דערמאָנט די געוועלבלעך ווו מען האָט געקענט קויפן פאַר אַ גראָשן צוקער... די דיפּלאָמאַטן וואָס האָבן זיך „אַרומגעריסן" אין וועלט־פּאָליטיק... די ברויערייען און שענקן ווו גויים האָבן געשיכורט... דעם אַרכיטעקט יעקב־פּסח וואָס זיין גלייכן איז נישט געווען אין דער גאַנצער וועלט... אָט די אַלע יידן מיט זייערע פאַרשידנאַרטיקע נאַטורן — קאַרגע און ברייטהאַרציקע, פאַרביסענע און נאָכגיביקע — זענען דאָך געווען אונדזערע היימישע יידן, אונדזערע טייערע יידן, בלוט פון אונדזער בלוט און ביין פון אונדזער ביין.

אָט שטייען פאַר מיינע אויגן: הערשל גאָטיעס אינעם אלכסנדר שטיבל; יוסף שרהס אינעם אַלטן בית־המדרש; משה־שמעון דער חזן אין דער גרויסער שול; — זיי די האַרציקע בעלי־תפילות, וואָס פלעגן דערוועקן אַ ציטער אין די הערצער מיט זייער דאַווענען.

נישטאָ מער אָט די אַלע טייערע יידן. געבליבן איז דאָס שטעטל, די גאַסן, דאָס טייכל, די פעלדער, די וועלדער, אָבער ס'זענען דאָרט נישטאָ מער די יידן — די האָרע־פּאַשנע די גוטהאַרציקע, די פרומע, די פּרעכטיקע יידן.

אויף וויפל פרומקייט און הערלעכקייט זענען געווען טיף איינגעוואָרצלט אין די הערצער פון אונדזערע שטעטלדיקע יידן, זאָל עדות זאָגן דער פאָלגנדיקער פאַקט:

מיין מומע עטקע (אברהם־צדוקס פרוי), ווען די קינדער אירע האָבן אַראָפּגע־





אויבן: י. מ. ניבארסקי (שטייט) בעת אַ קבלת־פּנים פאַר אים און זיין משפחה אין ישראל (1965); אונטן: ער, זיין פרוי, טאָכטער, איידעם און אייניקל

בראַכט קיין אַמעריקע, איז אָנגעקומען מיט דער שיף קיין ניו־יאָרק אום שבת. זי איז געווען די איינציקע פון אַלע פּאַסאַזשירן וואָס האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן די שיף אום שבת. דער שיפס־קאַפּיטאַן אַליין האָט מיט איר איינגעטענהט העכער אַ שעה ביז זי האָט מסכים געווען צו פאַרלאָזן דעם דעק. זי איז אָבער אָפּגעזעסן ביי דער שיף ביז ס׳האָבן זיך באַוויזן די שטערן אין הימל...

אין יאָר 1950, בעת אַ באַזוך ביי איר, האָט זי מיר איינגערוימט אַ סוד: פאַרן עמיגרירן קיין אַמעריקע האָט איר איטשע־מאיר ריכטער געבאָרגט 5 דאָלאַר און זי האָט געהאָפט, אַז ס׳וועט זיך מאַכן אַ געלעגנהייט אַז זי וועט אים קענען דעם חוב אומקערן. אָבער זינט זי האָט זיך דערוווּסט וועגן דער הריגה פון אַלע שטעטלדיקע יידן, איז איר צער אַ דאָפּלטער, ווייל זי האָט פאַרלוירן אירע שטעטלדיקע יידן און דערצו נאָך, געבליבן שולדיק אַ פּריוואַטן חוב אויף אייביק.

בעת איינעם פון מיינע באַזוכן אין ישראל האָב איך אָפּגעזוכט איטשע־מאירס זון ישעיה ריכטער און געבראַכט פון אים אַ שריפטלעכע קבלה דער מומע עטקע, אַז דער חוב איז אָפּגעצאָלט געוואָרן. איר פּנים האָט ממש אויפגעלויכטן פון פרייד, זי האָט געדריקט די קבלה צום האַרצן, זיך באַגאָסן מיט טרערן און שטיל געשעפּטשעט: איצט קאָן איך שוין רואיק שטאַרבן...

אַזעלכע זענען געווען די יידן פון אונדזער שטעטל און אַלס אַזעלכע דאַרפן מיר זיי געדענקען כל זמן מיר וועלן לעבן.

העניע ניבאָרסקי

א סך־הכל פון א משפחה

אין אונדזער שטעטל האָט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געלעבט אַ ייד מיטן נאָמען יאָסל מאָנקאַרזש און גערופן האָט מען אים (ווי ס׳האָט זיך אין יענע צייטן געפירט) אויף זיין פאָטערס נאָמען — יאָסל מאיר־לייבס. יאָסל איז געווען אַ קלוגער ייד אַ לערנער, אַ געניטער און ערלעכער סוחר. האָט ער טאַקע געהאַט אַ גרויסן און פראָספּערירנדיקן געשעפט, ווו מען האָט געקאָנט קריגן פון אַ נאָדל ביז די שווערסטע אייזן־מכשירים פאַר בוי און פעלד־אַרבעט. פּויערים און פּריצים פון דער גאַנצער אַרומיקער געגנט, זענען געווען זיינע קונים, און אים אַרויסגעוויזן גרויס צוטרוי און דרך־ארץ.

ביי יאָסל מאיר־לייבס האָט זיך געפירט אַ שיינע באַלעבאַטישע היים, וואָס

האָט געטיילט צדקה, אויפגענומען אורחים, און זיין ווייב, סילקע פלעגט קאָכן „יאַכלעך" און אַנדערע מאכלים, פאַר אָרעמע קראַנקע און קימפעטאָרינס.

ביי דעם פּאָרפאָלק זענען געווען דריי קינדער: ראַשקע, יצחק און העניע־רחל. די ערשטע האָט חתונה געהאַט מיט אַ יונגנמאַן פון אַן אַנדער שטאָט, וואָס איז (אויב כ׳האָב קיין טעות נישט) געוואָרן רב אין זאַמאָשטש. אויך דער זון איז אַוועק וווינען אין זיין ווייבס שטעטל, אַזוי אַז אין כאָזשעל איז געבליבן בלויז העניע־רחל, וואָס האָט חתונה געהאַט פאַר אַ קאָלנער יונגנמאַן מיטן נאָמען קלמן אייזנשטאַדט. ער איז געווען אַן אידעלער מענטש, און אַ לערנער, וואָס האָט אָבער נישט געהאַט קיין פּראַקטישן חוש פאַר מסחר. דאָך אָבער, האָט ער געהאַט אַ שוואַכקייט אונטערצונעמען פאַרשידענע געשעפטן גלויבנדיק יעדן איינעם, וואָס האָט אים פאָרגעשלאָגן „גאָלדענע גליקן".

אַזוי אַרום האָט טאַקע פּאַסירט, אַז ער האָט צעפּאַטערט עטלעכע געשעפטן, וואָס זיין שווער האָט אים יעדעס מאָל פריש איינגעאָרדנט. ער איז קיינמאָל קיין גביר נישט



לייזער ניבאַרסקי און זיין משפחה (פרוי העניע, קינדער — יוסף, איתמר און יצחק)

געוואָרן, אָבער אַ הויז האָט זיך ביי אים געפירט אַ שיינס, מיט אורחים אויף שבת, געווען ביי אים אַ פולע שטוב רעספּעקטפולע און גוט־דערצויגענע קינדער — זיבן זין און צוויי טעכטער. ווען די קינדער זענען עלטער געוואָרן, האָבן זיי אַלע מיטגע־אַרבעט אין גרויסן געשעפט פון זייער זיידן — ר׳ יאָסל — ער האָט זיי אַלעמען חתונה געמאַכט, און געגעבן שיינע אויסשטאַטונגען. צוויי פון די זין זענען נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַוועק קיין אַמעריקע ווו זיי האָבן חתונה געהאַט מיט 2 שוועסטער, כאָזשעלער מיידלעך (דאָס זענען געווען בנימין און שמואל).

ווען עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, האָט שוין העניע־רחל, קלמן אייזנשטאַטס ווייב נישט געלעבט, און אויך זיין שוועגער סילקע האָט זיך שוין געפונען אויף דער בעסערער וועלט... די פאַרבליבענע פון דער פאַמיליע אייזנשטאַט, און דער אַלטער ר׳ יאָסל מאיר־לייבס, האָבן ווי אַלע יידן געמוזט זיך עוואַקואירן פון שטעטל, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער סאַמער מזרח־פּרייסישער גרענעץ. ביים זייט פון זיידן ר׳ יאָסל האָט זיך געהאַלטן צוזאַמען זיין אייניקל שרה, וואָס איז געבליבן די איינציקע אין זיידנס געשעפט. איר יונגער און זעלטן שיינער מאַן ישראל־יוסף ביילאָוויטש (פון מלאַווע) איז געשיקט געוואָרן אויפן פראָנט. שרה מיט אַ 6־חדשימדיק מיידעלע, און מיטן אַלטן זיידן, האָט דורכגעמאַכט די וואַנדער־יאָרן. ווען זיי זענען צוריקגעקומען אין שטעטל, איז ר׳ יאָסלס שיינע הויז, מיטן גרויסן געשעפט און פולע שפּייכלערס, געווען פאַרוואַנדלט אין אַ באַרג אַש. וואָס די פלאַמען האָבן נישט פאַרניכטעט האָבן די גויאישע שכנים אויסגעפּלינדערט.

מען האָט געדאַרפט אָנהייבן אַלץ פון־דאָס־ניי, כמעט מיט ליידיקע הענט. עס איז זיי געלונגען צו דינגען אַ קליין געוועלבל מיט אַ קליין צימערל, וואָס האָט געמוזט דינען סיי פאַר קיך, סיי פאַר עסצימער און שלאָפצימער. מען האָט די דירה אויסגעשטעלט מיט געבאָרגטע בעטלעך אַן אַלטן טיש און וויגל, עטלעכע שטולן און אַ פאָר קעסטלעך וואָס האָבן געדינט ווי שענקלעך פאַר דאָס ביסל אָרעם מילכיק־ און פליישיק געפעס. מיטן לעצטן ביסל מזומן, און אַ ביסל חובות, וואָס אַ טייל פויערים האָבן פרייוויליק אָפּגעבראַכט, ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז דער אַלטער „יאָסעק״ איז צוריקגעקומען, — האָט מען אַראָפּגעבראַכט אַ ביסל סחורה, און מען האָט גענומען ציען חיונה.

דערווייל האָבן אָנגעהויבן אָנקומען בריוו פון שרהס מאַן, וואָס איז געווען אין דייטשער געפאַנגענשאַפט. שרה האָט גענומען שיקן פעקלעך, געטאָן אַלץ מעגלעכע כדי איר מאַנס גורל לייכטער צו מאַכן און געהאָפט אויפן טאָג ווען ער וועט זיך פון דאָרט צוריקקערן. אָבער דער טאָג איז נישט געקומען, — ישראל־יוסף ביילאָוויטש איז קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן אין דייטשן געפאַנגענען־לאַגער. פאַר שרהן האָט זיך אָנגעהויבן אַ שווער אלמנה־לעבן. זי האָט אָבער מיט חשיבות, מי און אָנשטרענגונג,

געטראָגן איר גורל, געזאָרגט פאַר פּרנסה, אין וועלכער דער אַלטער זיידע האָט שוין נישט געקענט מיטהעלפן. שרה האָט אים געהאַלטן אין כבוד און ליבשאַפט ביז זיין לעצטן טאָג. אויך איר איינציקע טאָכטער האָט זי אויפגעצויגן מיט אַ סך זאָרג, איבערגעגעבנקייט כבוד און ליבשאַפט.

אין יאָר 1938 איז שרהס טאָכטער אַוועק קיין אַרגענטינע, מיט דער זיכערקייט, באַלד אַריבערצונעמען אַהין איר מוטער. אָבער דאָס אַרגענטינער געזעץ האָט געלויטעט, אַז פאַר 2 יאָר האָט קיין פּריש־געקומענער נישט קיין רעכט אַרויסצופאָדערן קיין שום צווייטע פּערזאָן. דער נאַצי־מערדער היטלער האָט אַזוי לאַנג נישט געוואַרט, — שרה איז געבליבן אין פּוילן און אומגעקומען צווישן אונדזערע זעקס מיליאָן קדושים.

אַחוץ שרהן, זענען אין פּוילן אומגעקומען קלמן אייזנשטאַדטס עלטערע טאָכטער מרים, מיט איר מאַן אברהם שער און זייערע פינף קינדער: העניטשע, אַ מאַני־קוזשיסטקע; רויזקע, די איינציקע בוכהאַלטערין און פּאַקטישע אָנפירערין מיט דער שטעטלדיקער ליי־קאַסע; מלכה וואָס האָט געענדיקט אַ קורס אין דער וואַרשעווער „אָרט״־שול; יאַנקל, — וואָס האָט מיטגעאַרבעט מיטן פאָטער אַלס שפּיליטער, אַ קלוגער, אַ וויצלער, אַ ביז גאָר גאַסטפריינטלעכער, דער שטענדיקער בעל־תקיעה אין דער שטעטלדיקער שול; מאיר, דער יינגסטער, איז געווען אַ סטודענט אין דער מלאַווער יידישער גימנאַזיע.

ס׳זענען אויך אומגעקומען — משה אייזנשטאַדט מיט זיין צווייטער פרוי פייגל טריומקאָווסקי (פון ביאַליסטאָק), זייער אַן אַקטיווע און הילפסגרייטע פאַר יעדן וואָס האָט זיך אין איר הילף געניטיקט. משהס דריי זין פון דער ערשטער ווייב, האָבן ביז דער מלחמה געלעבט און געאַרבעט אין וואַרשע, און דאָרט אומגעקומען.

קלמן אייזנשטאַדטס עלטסטער זון, אַברהם־הערש, אַ פאַנאַטיש־פרומער און שטילער מענטש, מיט אַ גוטן קאָפּ, וואָס האָט אַן שולעס און לערערס געקענט גוט פירן געשעפט־ביכער, וועלכער האָט פאַר זיך גאָרנישט געדאַרפט, זיך באַגנוגנט מיט אַבי־וואָס, און קיינעם קיינמאָל נישט געשטערט, — אויך דער ייד־מענטש, זיין ווייב און קינדער, זענען אַוועק מיט די קדושים.

אויך נפתלי און דוד, פון דעם זעלביקן שטאַם, מיט זייערע ווייבער און קינדער, זענען נישטאָ.


מיט דעם זעלבן וועג ווי ס׳איז אַוועק פון דער וועלט די באַשריבענע משפחה זענען אַוועק הונדערטער טויזנטער יידישע משפחות אין דער גרויל־תקופה פון אונדזער גרעסטן אומקום.



די 4 טעכטער פון אברהם שער (די צווייטע פון לינקס — רבקה כץ)



אַ גרופּע יוגנטלעכע (1923): שיינע־לאה שער, מלכה קאָוואַל, אהרן־לייב גזשעביאַלקא, יוסף שאַפּראַן, אלי־לייב פּאַטער, שעפּסל פּרענקעל, רבקה הערצאָג, אברהם כץ, ביילטשע גליקסבערג.



אַ גרופּע מיידלעך־חברטעס (פון רעכטס): לאה פרענקעל, חנה סאָקאָלאָווער, פייגע פרענקעל, מלכה ביישווייגער, רבקה כץ.



בעת אַ געזעגענונגס־באַנקעט פאַר אָפּפאָרנדיקע צום מיליטער־דינסט (1934)

זעליק שניאדאָווער

שטייגער און זכרונות פון אמאל

(איבערגעדרוקט פון „פּאַריס", מעקסיקע, 1963—1965)

א. לייזערס „בודע"

אַזוי האָט מען גערופן לייזערס וואַרשטאַט. אַזוי האָט געהייסן זיין „געוועלב", וואָס איז געווען אי וואַרשטאַט, אי געשעפט און דער עיקר טאַקע, דער פּונקט, ווו מיר חברה, יונגען פוסט־און־פּאַסטע, צעשויבערטע און רעוואָלטירטע טאַטנס־קינדער", פלעגן זיך טאָג־טעגלעך צוזאַמענקומען און פאַרברענגען לאַנגע שעהן אינעם שמאָלן צוזאַמענגעפּרעסטן ביידל, אין לייזערס בודע".

דער צונאָמען וואָס לייזערס וואַרשטאַט־געוועלב האָט געהאַט, (אויף פּויליש „בודאַ" איז אַ קליין הילץ־געבוי פאַר הינט) האָט לייזער מיט זיין גאַליקן סאַרקאַזם זיך אַליין אויסגעטראַכט, זיך אַליין געשטעלט אַלס ציל פון זיינע איראָנישע פיילן און גלייכווערטלעך און אָן רחמנות זיך אויסגעשפּאָט, פּונקט ווי ער פלעגט עס מיט יעדן טאָן, ביי דער מינדסטער געלעגנהייט, סיי מיט די וואָס האָבן זיך מיט אים געחברט און נישט געחברט.

דער וואָס האָט צוגעטראַכט, פּלאַנירט און אויפגעבויט די „בודע", איז געווען זיינער אַ ווייטער קרוב, יאַנקל דער איינבינדער. יאַנקל „בודאָווניק" האָט מען אים גערופן אין שטעטל, דער אייביקער „אינזשיניער", וואָס אַחוץ איינבינדן ספרים און ביכער, פלעגט ער כמעט נישט שלאָפן די נעכט און כסדר מאַטערן זיין מוח מיט בוי־פּלענער, בכדי צו פאַרגרעסערן זיין נחלה.

לייזערס „בודע" איז געבוירן געוואָרן דורך אַ מאָדנעם פאַל. דאָס אָרט וואָס די „בודע" האָט פאַרנומען איז אין פאַרלויף פון כמה יאָרן געווען אַ דריי מעטערדיקער פּשוטער טויער מיט אַ פורטקע וואָס האָט דורכגעלאָזט האַרבסט־צייט די ווינטן וואָס פלעגן בלאָזן פונעם פוסטן פאַרברוקירטן מאַרק. דאָס טויער האָט יאַנקל „בודאָווניק" צעפּראַלט נאָר איין מאָל אין חודש, אינעם יאַריד־טאָג, און פויערים פלעגן פאַרפאָרן און אָפּצאָלן אַ קליינעם סכום פאַר סטאַנציע.

איין מאָל אַ פאַרנאַכט, ווען יאַנקל איינבינדער האָט זיך געלאָזט צו מנחה, האָט אַ כליאַפּ געטאָן אַ גאָס רעגן און דער „בודאָווניק" האָט געמוזט גיך זיך אַרונטערשטעלן

אונטער דעם אַרויסשטאַרץ פון די פאַרלענגערטע דאַכעלקעס פונעם שכנותדיקן הויז, וואָס האָט זיך משופּעדיק אַראָפּגעלאָזט איבער זיין טויער, טאַקע לעבן דער פורטקע. אַזוי אַרום האָט דער איינבינדער זיך באַשירמט פונעם רעגן, שטייענדיק געדולדיק צווישן דעם שכנס וואַנט און דעם פּליוך וואָס האָט געגאָסן פונעם אַרויסגעשטאַרצטן דאַך. אָט אַזוי שטייענדיק איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק: אויב ער קאָן זיך אָט אַזוי דורכגיין אינעם חלל פון די פופציק סענטימעטער צווישן דער וואַנט און דעם וואַסער וואָס גיסט פונעם דאַך, טאָ צו וואָס דאַרף ער אין גאַנצן דעם טויער; אויף וועלכע „טישאַנצע כפּרות" דאַרף ער די פּאָר בידנע זלאָטעס פון די יאַריד־טעג אייך מאָל אַ חודש, ווען ער קאָן אויסבויען אַ קלייטל פון צוויי און אַ האַלבן מעטער אינעם סאַמע מיטן מאַרק און לאָזן אַ גאַנץ פיינעם דורכגאַנג, אַ בכבודיקע „שטשיאַנקע" פאַר די וואָס ווילן נישט גיין הינטן אַרום, נאָר גלייך אַרויסגיין אין מאַרק אַריין. עס איז דאָך אַזוי פּשוט, טאָ פאַרוואָס איז דאָס אים נישט איינגעפאַלן מיט יאָרן פריער, האָט ער געטראַכט מיט פאַרדראָס, און אין יאַנקל „בודאָווניקס" אינזשעניערישן מוח איז די „בודע" שוין געווען אַ פאַרטיקע זאַך. ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און צוויי טשעסלאַרעס האָבן שוין געטעסעט און געהובליעוועט די קלעצער און ברעטער, און די „בודע" האָט גענומען וואַקסן.

געשטעלט האָט מען די „בודע" אויף „הינערישע פּיסלעך": פיר דעמבענע קלעצלעך האָבן געדינט אַלס פונדאַמענט פאַר דעם געביי וואָס האָט זיך געהאַלטן אַן ערך אַ האַלבן מעטער פון דער ערד, בכדי דאָס רעגנוואַסער און די פּאָמאַיעס פון די אומצאָליקע שכנים זאָלן האָבן אַ דורכגאַנג טאַקע סאַמע הינטער דער „בודע" צו די מאַרק־רינוועס; כמעט פינף מעטער די לענג, צוויי און האַלב די ברייט, אַ טרעפּל פון פאָרנט, אַ טרעפּל פון הינטן; אַ קליין טורמע־פענצטערל האָט זיך איינגעקלאַמערט צווישן דער פאָדערשטער טיר און דער שטשיאַנקע־וואַנט און דאָס געוועלב איז געווען פאַרטיק.

נאָך אַ נצחון פון יאַנקל דעם „בודאָווניק".

לייזערס מאַמע האָט זיך לאַנג נישט געדונגען מיט איר קרוב יאַנקל, אַ זלאָטע אַרויף אַ זלאָטע אַראָפּ און מען איז דורכגעקומען. יאַנקל איז געווען איינזעעוודיק, די אַלמנה, לייזערס מאַמע, האָ געדאַרפט ווי דאָס חיות אַ שטיקל פּרנסה און איר לייזער האָט געהאַט „גאָלדענע הענט". פונעם מינדסטן „לייסטל", פונעם קלענסטן אָפּשניטל פון יעדער איבערגעניטשעוועטער שמאַטע, פלעגט ביי לייזערן מוזן אַרויסקומען אַ היטל: צי עס איז אַ „מאַטשעיעווקע", צי אַ יידיש שוואַרץ־טוכן היטעלע, גלאַט אַ היטל מיט אַ דאַשעק, אַ ווינטערדיקס מיט לאַפּן, אַ „מאַטראָזקע", עפּעס פלעגט שוין אַרויסקומען. לייזערס „גאָלדענע הענט" פלעגן זיך שוין אַן עצה געבן.

צוליב לייזערן האָבן די פּאָר שטעטלדיקע שניידערס געהאַט אויסצושטיין פון די באַלעבאָסטעס, וואָס פלעגן אויף כוח פאָדערן אַ קאָרטל, אַן אָפּשניט, אַ לייסטל כאָטש,

ווייל לייזער וועט אויסשטיקעווען אַ היטל. און לייזער האָט אויסגעשטיקעוועט... ער האָט אַזוי אַרום אויסגעשטיקעוועט די אָרעמע פּרנסה פאַר זיך, פאַר זיין מאַמען, פאַר זיין שוועסטער איטע און זיין קליינעם ברודער. און לייזער האָט קיינעם נישט באַדאַרפט צו דער אַרבעט, אַליין צוגעשניטן, אַליין געניייט, אַליין געשטעלט דאָס פּרעסל און טאַקע אַליין געפּרעסט. זיין קליין ניי־מאַשינקעלע פלעגט ער פלינק פונאַנדערנעמען, פאַר־ריכטן און צוזאַמענשטעלן ווי דער בעסטער מעכאַניקער.

אָבער צום יאַריד האָבן זיך לייזערס „גאָלדענע הענט" נישט אויסגעטויגט. אַ פּאָר טעג פאַרן יאַריד פלעגט ער אַרבעטן ווי אַ טייוול צוגרייטנדיק די גראַנאַטענע „מאַטשע־יוווקעס" מיט די גלאַנציקע דאַשקעס די שוואַרצע. ער פלעגט שלעפּן די קאַסטנס סחורה צו דער שטעל, העלפן אויסלייגן די היטלען, אַליין צונויפשטעלן די שטעל, אַלצדינג פלעגט ער טאָן מיט פלייס מיט ענטוזיאַזם, אָבער ווי נאָר עס פלעגט זיך דערנענטערן אַ קונה איז געוואָרן אויס מיט לייזערן. ביים דינגען זיך, צום האַנדל, האָט געמוזט קומען זיין מאַמע מיט דער הילף פון זיין שוועסטער, ווייל לייזער האָט געהאַסט מסחר. האַנדל איז נישט געלעגן אין זיין בלוט. „קאָמערץ איז גניבה און שווינדל", פלעגט ער־טענהן. און ער האָט טאַקע נישט געהאַנדלט.

לייזערס שטעל, צווישן די שטאָטישע און צונויפגעפאָרענע היטלמאַכערס, איז געווען די אָרעמסטע. זיין „חזקה" איז באַשטאַנען צו באַקומען דעם לעצטן פּלאַץ פון דער שרענגע היטלמאַכערישע שטעלן, העט ווייט אַרויף, ביים עק מאַרק, לעבן ריכטערס אייזן־געשעפט, און צו אים פלעגן פאַרבלאָנדזשען די שווערסטע קונים. נאָר די פּויערים פלעגן דערגיין צו זיין שטעל, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך שוין אויסגעדונגען מיט אַלע די היטלמאַכערס און נישט געקריגן די געגאַרטע מציאה. אָבער מיטאָג־צייט, ווען לייזערס מאַמע האָט געמוזט פאַרלאָזן די שטעל און לויפן אַהיים אויף גיך עפּעס איבערכאַפּן, איז לייזער געוואָרן דער „קופּיעץ". ער האָט זיך זאַרגלאָז אַוועקגעזעצט אויפן דרייפוסיקן בענקעלע מיט אַ בוך אין האַנט און געבעטן גאָט, אַז קיין קונים זאָלן אים נישט קומען שטערן אין זיין לייענען.

מיר, חברים, פלעגן אויסנוצן די מיטאָג־שעה און זיך צוכאַפּן צו לייזערן אין מאַרק אַריין כאָטש אויף אַ ווייל כאַפּן אַ שמועס. דעם טאָג ווען די „בודע איז געווען פאַר־מאַכט, אָדער לייזערן נישט זען אַ טאָג, איז געווען עפּעס נישט נאַטירלעך, ווייל מיר האָבן לייזערן ליב געהאַט. זיין איינגעבוירענע אינטעליגענץ, זיין נאַטירלעכער שאַרפער חוש פאַר יושר און גערעכטיקייט, זיין הייטערקייט און זיין גרייטקייט צו טיילן זיך מיטן לעצטן ביסן, האָט צו אים געצויגן.

יענעם יאַריד האָט לייזער זיך פאַרטיפט אין מעטערלינקס „די בין" און אַלעמען רעקאָמענדירט צו לייענען דאָס בוך. „דאָס איז אַ פּרעכטיק ווערק", האָט ער געזאָגט, „אַז איר וועט עס דורכלייענען מיט קאָפּ וועלן מיר עס שפּעטער דיסקוטירן". און לייזער

האָט זיין גאַנץ לעבן דיסקוטירט, פירן וויכוחים איז ביי אים געווען אַ ליידנשאַפטלעכע באַדערפעניש. לייזער האָט מיט קיינעם קיין מאָל נישט מסכים געווען, ער האָט זיך געהאַט זיין וועג, זיין אַרט דענקען און צו יעדער געשעעניש און צו אַלעמען אַרום האָט ער געהאַט זיין אייגענע באַציאונג און אינטערפּרעטאַציע. ווען ער האָט מיט זיין אייגנ-אַרטיקן „לייזערישן" כוח-הדיבור נישט געקאָנט זיין אָפּאָנענט איבערצייגן, פלעגט ער איבערגיין צו אַ מין דירעקטער אַטאַקע פון זיין קעגנער, אומברחמנותדיק פּאַרטיליקן מיט זיין שאַרפער איראָניע און ביטערן סאַרקאַזם. נישט איין ברוגז, נישט איין קריגעריי איז צוליב דעם אַרויסגעקומען, נאָר מיט לייזערן האָט מען זיך געמוזט איבערבעטן.

אָבער דער אויבנאויפיק איראָנישער און קריגערישער לייזער, איז נישט געווען דער אמתער לייזער. די וואָס האָבן לייזערן גוט געקענט האָבן געוווּסט, אַז לייזער באַהאַלט הינטער זיין ביטער-סאַרקאַסטישן פּאַנצער, אַ טרוימעריש צאַרטע נשמה און עס נאָגט דעם יונגן בחור אַן אומבאַשטימטע, נישט קלאָרע, אייביקע בענקשאַפט. אַט בענקט ער נאָך אַ מאַנדאָלין, ער וועט אויסגרימפּלען די שענסטע ניגונים. און זיינע „גאָלדענע הענט" האָבן טאַקע גאָר גיך זיך צוגעוווינט צום אינסטרומענט און ער איז גליקלעך ווען ער האָט אויסגעשפּילט פון „סלוך" יידישע האַרציקע פאָלקס-לידער און ראָמאַנסן.

אָבער עס נעמט נישט לאַנג און לייזער האָט די מאַנדאָלין פאַרשטויסן, ער האָט זיך גענומען קנעטן פיגורן. דאָס ליים און גיפּס און פּשוטער טייג גיבן זיך אונטער זיינע דינע לאַנגע פינגער און עס לעבן אויף פּרעכטיקע מיניאַטורן, הינטעלעך, קאַטשקעלעך, פערדעלעך, אַ קאָפּ פון אַ זקן מייסטערהאַפט אויסגעקנאָטן. נישטאָ אַזאַ זאַך וואָס לייזער זאָל נישט קענען אויסקריצן אָדער אויסמאָלן.

אָבער עס נעמט ווידער נישט לאַנג און עס ווערט אים אויכעט דערווידער דאָס מאָלן און קנעטן, און לייזער נעמט זיך ווידער צו די ביכער. ער לייענט אָן אויפהער, יעט-וועדע פרייע מינוט איז ער מיט אַ בוך אין האַנט און מיט אַלעמען גרייט צו דיסקוטירן. די שאַרפסטע וויכוחים פירט ער מיט גאָט, מיט די רעליגיעזע רעפּרעזענטאַנטן און חוזקט גאַליק פון כלי-קודש און רבנים. זיין איינגעשפּאַרטע גאָט-לעסטעריי און שפּאָטן פון ציוניסטן-באַלעבאַטים האָט דערפירט צו ערנסטע מחלוקת און זיין עקשנות אַרומ-צוגיין אָן אַ היטל האָט געבראַכט צו סקאַנדאַלן. אָבער דאָס אַלץ האָט ווייניק וואָס געווירקט אויף אונדזער חברשאַפט. אָן שום באַוואָרעניש האָבן מיר אים געשטיצט, כאָטש נישט מיט אַלעם זענען מיר געווען מיט אים מסכים. לייזערן האָבן מיר ליב געהאַט פאַר זיין אָרנטלעכקייט און טיפן פיעטעט פאַר מענטשלעכקייט.

דאָס וואָס פלעגט האַמעווען לייזערס, טייל מאָל, צו-שטורמישע אימפּולסן, זענען געווען אַהרון-יצחקס קלוגע, גראָע אויגן. ווען לייזער פלעג זיך פאַרגאַלאָפּירן און אַרויס פון די כלים בעת אַ וויכוח, אָדער, ווי זיין שטייגער פלעגט זיין, אָנגעהויבן מיט

זיין גאַליקער אַטאַקע צו צעשמעטערן אַ חבר אָדער אַ קעגנער, איז גענוג געווען אַז אהרון־יצחק זאָל אָנשטעלן אויף אים זיין טיפן איבערצייגנדיקן בליק און לייזער האָט געמוזט זיך איינהאַלטן, אָפּשטעלן און אַפילו טיילמאָל פאַרשווייגן אַן עוולה. אהרון־יצחקס טיפע אינטעליגענץ, זיין רייפע חכמה און קענטעניש, האָבן געהאַט אַ שטאַרקע השפעה אויף אונדז אַלעמען אָבער בייקומען לייזערס רעוואָלטירנדיקע נאַטור און דעפיניטיוו אויף אים ווירקן, איז געווען אַ שווערע אויפגאַבע אַפילו פאַר אַהרון־יצחקן, ווייל לייזער איז געגאַנגען זיין אייגענעם גאַנג, געשפּרייזט איבער זיין אייגענעם אויסגעטראָטענעם וועג און פלעגט טרוימען זיין אייביקן נישט קלאָרן טרוים.

*

דער צענטער פון דער חברותא איז געווען לייזערס „בודע". „מען וועט גיין אויף דער בירזשע", האָבן חברים געשפּאַסט. אין אָט די געציילטע קוואַדראַט־מעטער וואָס יאַנקל „בודאָווניק" האָט אויסגעבויט, זענען מיר זיך צוזאַמענגעקומען טאָג־איין, טאָג־אויס, פיר, זעקס, אַכט אָדער מער חברים, און לייזער איז געווען אייביק דער אָנרעגער און דערליידנשאַפטלעכער דיסקוטאַנט. אָבער אַז לייזערס מאַמע האָט זיך באַוויזן דורך דער הינטערטיר פון דער „בודע", פלעגן מיר פאַרשווינדן ווי דורך אַ כישוף. זי איז גערעכט געווען זיין מאַמע: אין אונדזער אָנוועזנהייט פלעגט לייזער פאַרגעסן אָן זיין אַרבעט, אָן זיינע „מאַטשעיוווקעס". עס האָבן זיך געוואַלגערט די נישט צוגעגרייטע דאַשקעס. בעת אונדזער „אינוואַזיע" האָט די „בודע" נישט געקאָנט אויפנעמען אַפילו קיין האַלבן קונה, ווייל מער ווי פאַר אונדז איז קיין פּלאַץ נישט געווען און פּרנסה האָט מען גערדאַרפט...

דערפאַר אָבער איז פרייטיק (פון שבת איז דאָך אָפּגערעדט) געווען „אונדזער טאָג", פרייטיק האָט לייזער נישט געאַרבעט אין דער „בודע". דער פרייטיק איז געווען אונ־דזערער, ווייל ערב שבת איז לייזער געווען אויס היטלמאַכער. באַלד אין דער פרי פלעגט ער זיך אָנטאָן דעם ווייסן כאַלאַט און זיך נעמען צוגרייטן די שערערישע מכשירים, רייניקן די מאַשינקעס, פוצן די שערלעך און שאַרפן די בריטוועס. העט אויפן לעצטן שטאָק אין אַ צוגעבויט בוידעם־שטיבל, איז לייזער פאַרוואַנדלט געוואָרן ערב שבת אינעם יידישן „צירולניק" פון שטעטל.

אין מיטן אַלקער האָט מען אַוועקגעשטעלט אַן אויסגעבעטע שטול, אַקעגן איבער דער וואַנט, ווו עס איז געהאָנגען דער געוויינלעכער שפּיגל, און אַ גאַנצן טאָג ביז ליכט־בענטשן האָט לייזער געשוירן, צוגעשוירן און געגאָלט יידישע קעפּ. אַלט און יונג זענען געקומען זיך אויספוצן אויף שבת: ווער עס גאָלט זיך, ווער עס שערט זיך; און פרומע יידן קומען מיט קליינוואַרג און בעטן אָפּצוהיטן די פאות, ווייל דער גוישער שערער איז נישט אַזוי מקפּיד אויפן ענין און טוט בכיוון אַ פאַרפאָר אין אַ יידישער פאה אַריין מיט דער מאַשינקע און ווינקט זיך דערביי איבער שפּאָטיש מיט די קריסטלעכע קונדן. אָבער לייזערס „גאָלדענע הענט" פירן פלינק די מכשירים איבער יידישע קעפּ און כאָטש

אַלע ווייסן, אַז לייזער איז אַ כופר בעיקר, אַ גוי גמור, האָט ער אָבער פאָרט אַ יידיש האַרץ, ער וועט קיין יידישע פּאה נישט מזיקן.

די „בודע" איז געווען באַוווסט אין שטעטל, ווי דער צענטער פון די „לינקע". כאָטש קיינער פון אונדז האָט נישט באַלאַנגט צו קיין שום פּאַרטיי, איז אָבער די „בודע" געווען דער איינציקער פּלאַץ אין שטעטל ווו עס האָבן זיך געטראָגן אין דער לופט די נעמען פון באַקונין, לענין, טראָצקי, און מאַרקס, ענגעלס און פּלעכאַנאָוו זענען געווען כמעט לעבעדיקע פיגורן וואָס האָבן אַקטיוו געווירקט אויף אונדזער אַלעמענס נאַאיווער פאַנטאַזיע. די סאָציאַליסטישע ווערק און מאַניפעסטן, מיט וועלכע מיר האָבן זיך אָנגע־שטאָפּט אָן אַ מעטאָד און אָן אַ סדר, האָבן צו ביסלעך געווירקט אויף אונדז מיט דער הילף פון לייזערס השפעה. מיט זיין, ווער ווייסט פון וואַנען געקומענעם, האָס צו אַלץ וואָס איז רעליגיעז־באַלעבאַטיש, זענען מיר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נאַאיוו טיף־גלויביקער, סאָציאַליסטיש־אַנאַרכיסטישער גרופּע.

קיין איינער פון אונדז האָט קלאָר נישט געוווסט וואָס ער איז און וואָס אייגנטלעך ווילן מיר. עס איז געווען אַ מאָדנער געמיש פון בונדיסטיש־סאָציאַליסטישע און אַנאַר־כיש־קאָמוניסטישע שטרעמונגען וואָס זענען קיין מאָל נישט געקומען צום אויסדרוק מיט אַ מער וויניקער באַוווסטזיניקער קלאָרקייט. אונדז האָט באַהערשט אַ כאַאָס פון מאָדער־נע, צונויפגעשטיקעוועטע אידעען און רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען. און מיט דער הילף פון אונדזער נאַאיוון, טיפן גלויבן אין אַ בעסערער וועלט, און די כסדרדיקע, עקשנות־דיקע השפעה פון לייזערן, האָבן מיר זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קעמפערישער, ראָמאַנטישער גרופּע, וואָס האָט געווירקט אויפן מאָנאָטאָנעם לעבן פונעם שטעטל.

מיט זיין שאַרפער צונג, פלינקן מוח און איינגעבוירענער אינטעליגענץ, האָט לייזער נישט ווילנדיק זיך פאַרוואַנדלט אין אונדזער „לידער". דער פירער פון די „לינקע" האָט נישט גערוט: עס זענען געקומען די „קעסטל־אָוונטן", רעפעראַטן, וויכוחים, דראַמאַטישע סעקציעס, עס האָט געגרינדעט וואַקסן די ביבליאָטעק, מען ברענגט אַראָפּ רעפערענטן און דאָס שטעטל גייט „כאָדאָראָם", אָט שטייט לייזער און „שאַפט" טיפן: ער גרימירט, ער סופלירט, ער דיריגירט און שפּילט גלייכצייטיק די הויפּט־ראָלן. נישטאָ אַזאַ זאַך וואָס לייזער זאָל נישט קאָנען דורכפירן, ער איז אומדערמידלעך, עקשנותדיק ביז צו משוגעת, ער מוז אַריינברענגען „ליכט" אין דער פינצטערער, מיטלאַלטערלעכער וועלט...

און אָט זיצט ער און אַרבעט אין דער „בודע", טרייבט מיט אימפּעט זיין קליין ביי־מאַשינקעלע, טרעט עקשנותדיק דעם טרעטער מיט ביידע פיס און זיינע לאַנגע פלינקע פינגער פלעכטן אַריין דעם קאַרטאָנענעם פּאַס צווישן דעם גראַנאַטענעם געוואַנט און ער זינגט דערביי אַ ליד, אַ יידיש לידל. פּלוצלינג שטעלט ער אָפּ די מאַשין, ער נעמט נישט אַראָפּ זיין טרוימערישן בליק פונעם פּוסטן, טרויעריקן, פאַררעגנטן מאַרק און זאָגט צו מיר אַזוי: — דו ווייסט זעליק, איך האָב באַשלאָסן אַוועקצופאָרן פון שטעטל;

איך פּאַר קיין אַרגענטינע, איך ווער דאָ פּשוט דערשטיקט. עס פעלט מיר דאָ לופט, איך וויל מער דאָ נישט פוילן; פּע, עס איז קיין לעבן נישט, מיר זענען דאָ נישט מער ווי מתים, לעבעדיקע מתים; מיר צאַנקען דאָ אויס פאַר דער צייט, מיר מוזן פון דאַנען אַנטלויפן און וואָס גיכער איז בעסער.

אַזוי האָט גערעדט לייזער און מיר האָבן שוין געוווסט, אַז טאָמער האָט לייזער זיך עפּעס אַריינגענומען אין מוח, וועט ער עס דורכפירן. עס האָבן נישט געהאָלפן די רייד פון זיין מאַמען אויך נישט חברים און משפחה האָבן געקאָנט אויף אים ווירקן. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט שוין לייזער געאַרבעט איבער אַ שפּאַניש־יידיש ווערטערבוך און מיר פלעגן אים פאַרהערן די שפּאַנישע לעקציעס. עס האָט לאַנג נישט גענומען און מיר האָבן אונדזער טייערן און ליבן חבר אַרויסבאַגלייט צו זיין ווייטער נסיעה, צוזאַמען מיט נאָך אַ חבר, יעקב ווײַנגאַרטן.

מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָב איך באַקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז לייזער ניבאַרסקי, דער אומדער־מידלעכער טרוימער, געטרייער חבר און פּשוטער אָרנטלעכער אידעאַליסט איז געשטאָרבן. זיינער אַ נאָענטער קרוב און לאַנדסמאַן, מיינער אַ האַרצי־קער פריינט, האָט מיר געלאָזט וויסן ווי אַזוי לייזער, דער געוועזענער מאָדערנער קליינ־שטעטלדיקער דאָן־קיכאָט, האָט מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל און אַ ביטולדיק גלייכ־ווערטל, פאַרלאָזט אונדזער וועלטל. און ווי אַ פרומער ייד זאָג איך: ברוך דיין אמת, איך וועל מיין טייערן לייזערן קיין מאָל נישט פאַרגעסן.

ב. דער גיבור פונעם „אָזשיץ"

דער „אָזשיץ" איז געווען אַ מאָל אַ יידישער טייך אויף דער פוילישער ערד.

אויף דער מאַפּע איז דאָס קליינע טייכעלע שווער צו געפינען, זייער שווער. מען זעט עס קוים־קוים אָן. דאָס געדרייטע אָדערל שלענגלט זיך ווי אַ שלשלת צווישן די יחסנדיקע, שוואַרצע גרינע און רויטע פּאַסן.

אָבער ווער עס האָט געהאַט די זכיה צו באָדן זיך אין די שטילע זויבערע וואַסערן פונעם קליינעם טייכל, וואָס פליסט צווישן באַגרינטע לאַנקעס און פליינען, האָט געמוזט פאַרגעסן אינעם „שלשלת" וואָס דער „אָזשיץ" פאַרנעמט אויף דער מאַפּע.

און פאַרן שטעטעלע כאָזשעל, וואָס האָט צעלייגט זיינע געצעלטן ביי די סאַמע ברעגן פון אונדזער טייך, איז דער „אָזשיץ" געווען כמו די „וואָלגאַ" אָדער לכל הפחות ווי דער „נילוס" להבדיל. שווער, זייער שווער זיך פאָרשטעלן ווי אַזוי וואָלט כאָזשעל בכלל געהאַט אַ קיום אָן איר טייך, דעם „אָזשיץ".

ראשית, ווו וואָלט אַ שטאָט געגומען וואַסער. איז וועט עמיצער קומען און זאָגן אַז די גרויסע קרעניצע אין מיטן מאַרק איז נישקשה פון אַ ברונעם, אָבער וואָס טוט מען מיט די קעץ, כ׳מיין מיט די געפייגערטע קעץ. ווייל וויפל קעץ עס פלעגן פייגערן אין כאָזשעל, אַזוי פיל האָט מען געפונען אין דער מאַרק־קרעניצע. היינט וואָס טוט מען מיט די קורפּיעס, מיט די פויערים. זיי האָט חלילה קיינער נישט געוואָרפן אין ברונעם אַריין, נישט לעבעדיקע און אויך נישט געפייגערטע, אָבער זיי, קליין און גרויס, אין די מאַרק־טעג און ווער שמועסט שוין אויף די ירידן, פלעגן פשוט געבן זייער „ביישטייער" צו באַרייכערן דאָס וואַסער פונעם גרויסן ברונעם, וואָס פלעגט ממש פאַרבאַריקאַדירט ווערן פון פערד און וועגענער און אין מיטן יריד, ווען די פּאָליציאַנטן זענען אַזוי פאַריאַכמעט און פאַרשניאַשקעט, טאָ גיי און זוך אַ סטראַזשניק... איז אַפילו אויף צו כאָיען די פערד האָט מען נישט גענוצט דאָס וואַסער פון דער מאַרק־קרעניצע.

וועט דאָך אימיצער קומען און רעקאָמענדירן דאָס קליינע ברונעמל פון די פּיאַסקעס. איז ערשטנס, ווי גרויס איז דאָס גאַנצע ברונעמל, אַז די שיקסעס פלעגן זיך געבן אַ צי אויס אויף דער ערד און מיטן עמער אין דער האַנט אַ פּאַכע טאָן איבערן פלאַכן וואַסער און פאַרטיק. און נאָך אַזאַ האַלבן דאָזן שיקסעס איז אויס מיטן וואַסער. דער אַנדערער האַלבער דאָזן שיקסעס האָט שוין געמוזט וואַרטן ביז דער דריבנער ווייסער זאַמד פונעם דנאָ האָט דורכגעלאָזט פריש קוואַליק וואַסער אויף צו קאָנען טונקען דעם עמער, אָדער אַהיימנעמען אַ האַלבן עמער זאַמד און אַ האַלבן מיט וואַסער. און די ערב יום־טובים און די פרייטיקן פלעגט דאָס קליינע ברונעמלליידן פון שווערע באַלאַגע־רונגען, שטויסעגישן, און מוזן זיין אַן עדות פון שווערע קריגערייען און אַריינזאָגעכצן וואָס פלעגן קלינגען הילכיק סיי אויף מאַמע לשון און סיי אויף פויליש. און די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אָט די מחלוקתן האָט טאַקע געטראָגן דאָס ברונעמל פון די פּיאַסקעס אַליין, ווייל אָט אַזוי ווי איר קוקט עס אָן, דריבנע און נעבעכדיק, מיט איין לאָפּעטע צו פאַרשיטן, האָט עס זיך קונה שם געווען, אַז איר וואַסער איז „ווייך ווי פּוטער" און איז דאָס בעסטע אויף צו צוואָגן און וואַשן די קודלעס פון ווייבער און מיידן. טאָ פרעגט שוין נישט וואָס דאָרטן פלעג זיך אָפּטאָן אין די ערב יום־טובדיקע פאַרנאַכטן.

בלייבט טאַקע, אַז דער „אָשיץ" און נישט קיין אַנדערער, איז דער הויפּט־פאַרזאָרגער און זשאַלעוועט נישט זיין זויבער וואַסער וואָס די וואַסערטרעגער צעטראָגן און צופירן איבערן שטעטל און זאָרגן דערפאַר אַז די פעסער אין יידישע הייזער זאָלן חלילה נישט אויסטריקענען.

היינט שטעלט זיך די פראַגע, וואָס וואָלט געטאָן כאָזשעל ווען מען דאַרף גיין צו „תשליך", אָן איר באַליבטן טייך. אַ שיין פּנים וואָלט געהאַט די שטאָט ווען זי דאַרף חלילה אָנקומען צו דער מאַרק־קרעניצע. און אין יענע מחיהדיקע, האַרבסטיקע פאַרנאַכטן

ווען די האַלב-זומערדיקע זון פלעגט נאָך אַ וואַרעם טאָן מיט די לעצטע כוחות, האָט דער „אָזשיץ" באַקומען אַ יום־טובדיקן חן, עפּעס האָט דאָס טייכל געביטן זיין אויסזען מיט די אויסגעשטעלטע שרענגעס יידן, יידענעס, מיידן, חדר־יינגלעך, קונדסים, ישיבה־בחורים, אַלטע לייט און קינד און קייט וואָס האָבן באַשוואַרצט די גרינע לאָנקע און געבויגן זיך איבערן טייכל מיט די סידורעמלעך אין די הענט און צום סוף געצויגן די קרישקעס פון די קעשענעס און געוואָרפן זיי אין די שטילע וואַסערן פונעם געדולדיקן טייכל.

יאָר־איין, יאָר־אויס, פלעגן די גאָספּאָדאַזשעס, שקאָצים און גלאַט פאַרבייגייענדיקע גויים, הויבן מיט די פּלייצעס און זיך וווּנדערן אויף דער יידישער עדה וואָס מאַכט זיך נאַריש און קומט זיך „מאָדלען" צום טייך.

און דער שטילער און געהאָרכזאַמער „אָזשיץ" האָט קיין פּיפּס נישט געטאָן און אָן פּראַגעס אַ נעם געטאָן אויף זיינע כוואַליעס די עבירות פון דער עדה כאָזשעלער יידן און פאַרטראָגן העט ווייט אין ים אַריין.

אָבער קיינער האָט אַזוי זיך נישט איזדיעקעוועט און ווי געטאָן דעם טייך ווי די גרעט־וועשערינס וואָס פלעגן פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין אָוונט זיך צעלייגן ביי ביידע ברעגן און וואַשן, שווענקען און דרענגען, פּאַטשן און קלאַפּן מיט די וואַש-ברעטלעך און אָן אויפהער פאַרקויטיקן דאָס זויבערע שפּרודלדיקע וואַסער פונעם טייכל. און דער „אָזשיץ" האָט זיך קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרענטפערן די פּראַגע, פון וואַנען נעמט זיך צו אַזאַ קליין שטעטעלע אַזוי פיל קויטיקע גרעט. אויך פלעגט דאָס טייכל נישט פאַרליידן די פליאָטקעס, אויסריידענישן, נישט געשטויגענע און נישט געפלויגענע מעשיות, וואָס ווייבער פלעגן אויספּליאָטקעווען אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר פון אינדערפרי ביזקלביידערנאַכט. און אַזוי אַרום האָט דער אָרעמער „אָזשיץ" נעבעך, אויך געמוזט פאַרנעמען אין זיינע וואַסערן דעם גאַנצן סם פון בייזע צינגער און עס אַריינשלינגען ביז זיינע טיפענישן.

און ווינטער צייט, ווען די קלאָרע וואַסערן פונעם טייך פלעגן זיך פאַרטונקלען און בייזע זיך פאַרכמורען און האַסטיקער פליסן, האָט ער אויך נישט געגאָסן פון קיין לאַנגער מנוחה. באַלד ווי עס האָבן זיך געלאָזט פילן די ערשטע טרוקענע פרעסטלעך, פלעגט דער „אָזשיץ" זיך פאַרפאַנצערן אונטער דינע אייזיקע צודעקלעך. און חנוכה־צייט האָט נאָך דאָס טייכל זיך געראַנגלט און ערטערווייז דורכגעבראָכן מיט זיין טונקעלן שטראָם די אייזיקע פאָקרישקע, אָבער דאָס זענען געווען אומזיסטע ראַנגלענישן. ווי בראַוו דאָס טייכל זאָל נישט קעמפן האָט עס זיך יעדעס יאָר געמוזט אונטערגעבן, קאַפּיטולירן קעגן דעם שטאַרקן דרוק פון די פרעסט און עס האָט לאַנג נישט גענומען און דער שפּרודלדיקער טייך פלעגט פאַרגליווערט ווערן אויף לאַנגע חדשים.

ווען דאָך עמיצער מיינען, אַז אין אָט דעם ווינטער־זמן רוט זיך דער טייך ווי

געהעריק אויס, ווייל ווער וועט עס האָבן אַ האַרץ צו דערקוטשען און דערגייין די יאָרן אַזאַ טייערן טייך. ווען ער ליגט נעבעך אַליין אונטערן אייז און זעט די ווינטערדיקע שיין נישט פאַר די אויגן. איז ווידער אַמאָל ניין. כּאָזשעלער יידן זענען אַכזרים. דער „אָזשיץ״ איז זייער טייך סיי זומער און סיי ווינטער, און אויב עס געפעלט אים נישט קאָן ער זיך פאַרקערעווען און זיך אָפּטראָגן פון כּאָזשעל. איז ווי נאָר די „זנאַווצעס״ גיבן דעם סיגנאַל, אַז מען קען שוין, לאָזן זיך די כּאָזשעלער יידן צום טייך מיט לאָמען און מיט זעגן, מיט העק און מיט האַמערס און אָן רחמנות נעמט מען זיך צום רייסן שטיקער אייז פון זיין צודעק און אויף שליטלעך פירט מען אַוועק „לעבעדיקע אברים״ ממש פונעם מאַרטירער־טייך און מען באַהאַלט אין די קעלערס גאַנצע קלאַפּטערס, צוזאַמענגעפּרעסטע, פאַרשטאָטענע מיט זעגעכץ און שטרוי, בכדי זומער־צייט זאָל זיין מיט וואָס זיך צו דערקוויקן.

אַ שטיקעלע אייז דאַרפן כּאָזשעלער יידן זומער־צייט אויף צו דערכאַפּן דאָס האַרץ מיט אַ סאָדע-וואַסער מיט מאַלינעס-סאָק, אַ שטיקעלע אייז דאַרף מען דאָך אויף אַ רפואה, צו אַ צעהיצטן קאָפּ נישט דאָ געדאַכט, אַ שטיקעלע אייז דאַרף מען אין קעלער אויף צו פאַרקילן אַ שטשאַוו אָדער גאָר אַ רויטן בוראַקעס־באָרשטש, היינט ווער שמועסט צו אַ צעגאַנגען שטיקל פּוטער אום תמוז, ס׳איז נישט שייך צוואָס, כּאָזשעלער יידן מוזן האָבן אַ שטיקל אייז אויף זומער. ווען זיי גיין זיך אַריינטראַכטן צו דעם „אָזשיץ״ געפעלט עס יאָ, צו עס געפעלט אים נישט. האָט מען פונעם טייך געריסן שטיקער אַ גאַנצן ווינטער.

אָבער אַז עס פלעגט קומען די צייט, און דאָס איז געווען טאַקע נישט מער ווי איין מאָל אַ יאָר, צווישן פורים און פסח,דעמאָלט פלעגט דאָס דערשלאָגענע און עקספּלואַטירטע טייכל זיך צעבריקעווען. אין אָנהויב פרילינג האָט מען דעם „אָזשיץ״ נישט געקאָנט טאַמעווען. יידן פלעגן זיך דערשרעקן פאַר זייער ליבן און הכנעהדיקן פלוס. עס איז אוממעגלעך געווען אים צו דערקאָנען. דער „אָזשיץ״ האָט זיך אויף אַן אמת צעבונטעוועט, צעבייזערט, ער האָט אָנגעהויבן צו באַווייזן וואָס ער קאָן און מיט זיינע שקאַצישע מעשים האָט ער ווי געוואָלט זיך נוקם זיין אינעם שטעטל, זיך אָפּרעכענען פאַר אַזויפיל עוולות און אומגערעכטיקייטן וואָס מען באַגייט קעגן אים אַ גאַנץ יאָר.

איז ראשית נעמט דער צעיושעטער טייך און וואַרפט זיך מיט אַלע כּוחות זיינע אויף דער בריק. ער ווייסט, דער כיטרער „אָזשיץ״, אַז דער שוואַכסטער פונקט פון זיינע „קעגנער״, די כּאָזשעלער יידן וואָס דערגייען אים אַ גאַנץ יאָר די יאָרן, איז זייער באַליבטע בריק. עס רעדט זיך אַזוי די „באַליבטע בריק״, משטיינס געזאָגט, וואָס עס איז דאָ וואָס ליב צו האָבן. אַן אַלטע חורבה, אַ צעלעכערטע ווי אַן אַרויסגעגוצטע זופּ, אַ ברעטל אויף אַ ברעטל, אַ לאַטע אויף אַ לאַטע, און אַז בערצאַק פאַרנעמט זיך מיט זיין באַלאָדענעם וואָגן ווען ער קומט פון פּראָשניץ און טרייבט אַרויף זיינע „אָדלערס״ אויף

דער בריק, שאָקלט זי זיך ווי אַ לולב אין די הענט פון אַלטן דיין. אָבער די דעמבענע סלופּעס וואָס זענען טיף פאַרגראָבן און געשטיצט פון די זייטיקע פּאָדפּאָרעס, האַלטן אויס דעם דרוק פון באַלעגאָלישע וועגענער און אַזוי פון די פויערישע לייכטע געשפּאַנען און פון די פּריצישע פּאַטעאָנען און בריטשקעס.

און אויף די סלופּעס טאַקע, וואַרפט דער „אָזשיץ" זיין שטורמישע אַטאַקע. מיט אימפּעט און ירגזון לויפן די קריעס פּונקט ווי רוחות וואָלטן זיי געטראָגן און איינס נאָך דער אַנדערער האַמערן זיי די זיילן פון דער כאָזשעלער בריק. פון מיילן און מיילן אַרום, פון אַלע פליינען און לאָנקעס, קאָנצענטרירט דער צעיושעטער „אָזשיץ" זיין מעכטיקע „אַרטילעריע", די פלינקע אייזערנע קריעס און וואַרפט זיי אָן רחמנות אויף דער בידנער בריק. אימפּאָנעט פאַרנעמט זיך דאָס שטענדיק רואיקע טייכל וואָס וואַקסט פון שעה צו שעה און פאַרוואַנדלט זיך אין אַ מעכטיקן סמבטיון.

און אין שטעטל וואַקסט די טרעוואָגע.

אָט איז דער „אָזשיץ" שוין אויפן שילצער שאָסיי, אָט איז די מיל שוין אין געפאַר, און מיט זאָרג און אומרו גייען אַרום כאָזשעלער באַלעבאַטים און גאָספּאָדאַזשעס און יעדער זאָגט זיין נבואות צו די בריק וועט יאָ, אָדער חלילה נישט אויסהאַלטן דעם בייזן אָנגריף פון זייער צעבונטעוועטן טייך.

קיין גרעסערער אומגליק פאַרן שטעטל וואָלט נישט געקאָנט זיין, ווען זייער אַלטע בריק חלילה, זאָל נאָכגעבן דעם פאַרעקשנטן טייך. עס וואָלט געווען אויס מיט כאָזשעל. ווייל צוויי קילאָמעטער צו מעריב־זייט ליגט די פּרייסישע גרענעץ, דער געאָגראַפיש־פּאָליטישער פּאַס וואָס צוימט און שניידט אָפּ יעדע קאָמוניקאַציע. צום צפון ציט זיך דער אַלטער זאַמדיקער וועג, איבער דערפער און שטעגן, וואָס פירט קיין מלאַווע, און דער פאַרקער מיט דעם פּונקט איז אַ נישטיקער צוליב די בלאָטיקע אומטראַנזיטבאַרע שליאַכן. און צו דרום צו, ליגט די וויטע סטאַנציע ראַשויקע. און פאָלג מיך אַ גאַנג און דערשלעפּ צו דער באַן. אַז בלויז קיין בודעק, מיטן וועג פונעם וויעטראַק. קנאַפּע דריי וויאָרסט, דאַרף מען זיך שלעפּן מער ווי אַ שעה צייט.

בלייבט טאַקע נישט מער ווי די טייערע בריק וואָס פאַראייניקט דאָס שטעטל מיטן פּראַשניצער שאָסיי, די איינציקע באַקוועמע קאָמוניקאַציע דורך וועלכער עס ווערט אַלץ געליפערט און צוגעשטעלט.

איז ווען מען דאַרף גיין ראַטעווען די בריק איז נישט שייך, עס פאַרשווינדן אַלע רעליגיעזע און ראַסן־דיפערענצן, די פּוילישע גראַנאַטענע מאַטשעיוווקעס און קורצע בעקעשעס מישן זיך צונויף מיט די יידישע טוכענע שוואַרצע היטעלעך און לאַנגע קאַפּאָטעס און מען נעמט זיך צו באַשיצן די כאָזשעלער בריק. עס ווערן געבראַכט אַלערליי מכשירים און מען נעמט זיך צו דער שווערער אַרבעט.

די אויפגאַבע באַשטייט אין דעם, אַז מען מוז די אייז־קריעס צעפּיצלען און צעהאַקן

איידער זיי גרייכן די סלופּעס פון דער בריק און מיט אָט דער געפּערלעכער אַרבעט פּירט אָן די „סטראזשאָגניאָווע״, די פּרייווילליקע פייער־קאָמאַנדע, צו וועלכער עס געהערן די „סילאַטשעס״ פונעם שטעטל, סיי גוים, סיי יידן, פאַרשטייט זיך, אַז די הויפּט־דעה האָבן די גוים. אין זייערע הענט באַוועגן זיך פלינקער די לאָמען און די העק און די זעגן פאַרהאַלטן זיך נישט, זיי זעגן. אַז מען זאָגט „ידים ידי עשו״ איז דאָך נישט שייך. אָבער יידן שטייען נישט אָפּ. ווער עס קאָן נאָר צולייגן אַ האַנט נעמט אָנטייל אינעם געראַנגל און ווען אַלץ איז שוין אַריבער און די בריק איז געראַטעוועט, דערציילט דאָס גאַנצע שטעטל די גוזמאות פון די יונגען וואָס האָבן זיך מוסר נפש געווען ביי דער הייליקער עבודה.

יידן האָבן עס נישט אויסגערעדט, צו קיינעם קיין טענות נישט געהאַט, אָבער אין זיך, באַהאַלטענערהייט, פלעגט זיי פאַרדריסן וואָס גוים מוזן אָנטיילנעמען אין דער יע״ר־לעכער בריק־דראַמע. ווייל נאָך אַלעמען, האָבן דאָך די גוים פונעם שטעטל געהאַט גאָר אַ קנאַפּן שייכות צום „אָזשיץ״. דער טייך איז דאָך כמעט געווען אַ פאַריידישטער. גוים פלעגן זומער־צייט טאַקע פירן אָנפּאָיען, און אַמאָל אויסבאָדן אַ פּאָר פערד, טאָ איז וואָס. און אַז דער דאָקטאָר האָט אַמאָל געבראַכט זיין הונט צום טייך און פלעגט זיך דאָרט מיט אים שפּילן און צווינגען אים אַריינשווימען אין שטראָם און כאַפּן זיין שטעקן וואָס ער האָט מיט אַ כיוון אַריינגעוואָרפן אין וואַסער, איז עס אַזאַ גרויסע זאַך? און זומער־צייט האָט נישט איין גוי זיך פאַרעקשנט און פלעגט אָפּזיצן אַ גאַנצן זונטיק מיט דער „וועגטקע״ און פאַרשרפּעט ווערן פון דער ברענענדיקער זון, אפשר וועט ער ביים „אָזשיץ״ אַרויסרייסן אַ פּאָר פלאָטקעלעך אָדער אַ דאַר העכטל, איז עס אַזאַ וואזשנע אויפטו? בפרט אַז די גאַנצע שטאָט און אַלע דערפער אַרום האָבן פון כמה יאָרן געוווּסט, אַז קיין וואַסער זשאַלעוועט נישט דער „אָזשיץ״, אָבער אויף פיש איז ער אַ פאַרעקשנטער קמצן. אויב איר ווילט פיש, מיינע טייערע כאָזשעלער באַלעבאַטים, טאָ זייט זיך מטריח און גייט צו די פישערס, וואָס ברענגען פיש פון די פרייסישע אָזיערעס און קויפט ביי זיי וויפל אייער האַרץ גלוסט. און די כאָזשעלער יידן האָבן געפאָלגט דעם טייכס עצה, געקויפט פיש ביי די פישערס און צורו געלאָזט דעם טייך.

איז פיש האָט מען טאַקע געגעסן פון די סאָרטן וואָס קומען פון די מאַזורישע אָזיערעס, אָבער באָדן זיך און שווימען, האָבן די כאָזשעלער יידן נישט געקענט אין די פרייסישע וואַסערן, דע״רפאַר טאַקע האָבן זיי ווידער ־אַמאָל געמוזט מטריח זיין זייער ליבן און טרייען טייך. טאָ פרעגט שוין נישט, וואָס דער „אָזשיץ״ האָט געהאַט אויסצושטיין אַ גאַנצן זומער פון זיינע כאָזשעלער יידעלעך.

ווי דורך אַ כישוף פלעגט פאַרשווינדן די מורא פאַר דער טראַגישער לעגענדע, אַז עמיצער מוז פאַלן אַ קרבן אויפן קילן מזבח פונעם שטילן טייך און יעדן פאַרנאַכט האָבן שוין יונג און אַלט פאַרפלייצט די „רודע״.

די „רודע״ איז געווען אַזאַ אָרט, וווּ פונעם שטעטל, ווו דער טייך האָט זיך פאַרקערעוועט און זיינע ברעגן אין דעם אָרט, זענען באַוואַקסט געווען פון אַ רייע ווערבעס, וואָס האָבן געטונקען זייערע צווייגן אינעם שטילן שטראָם און געוואָרפן אַרום זיך אַ מחייהדיקן שאָטן.

פלעגן יידן זיך צעלייגן ביים ברעג, בראָטן זיך אינעם דריבנעם זאַמד און ביי די ווערבעס אויף גאָטס באַראָט, האָבן זיך געוואַלגערט די קופּקעלעך וועש און אָנטאָן, דורכגעפּלאָכטענע מיט די טלית־קטנס. פון קיין באַד־קאָסטיומען און נאָך אַזעלכע זאַכן אויף צו פאַרדעקן חרפּהס, האָבן כאַזשעלער יידן נישט געהאַט קיין אַנונג. מוטער־נאַקעט האָט מען הנאה געהאט פון גאָטס שיינער וועלט און פון זיסן שטראָם, וואָס האָט דערקוויקט אַלע אברים.

ספּעציעל ערב שבת, אין די פרייטיקדיקע חמימהדיקע פאַרנאַכטן, וווּען די זון האָט געשאָטן פייער פונעם הימל, פלעגט די „רודע״ ממש פאַרפּלייצט ווערן. עס האָט געשוויבלט און געגריבלט מיט יידן אַלטע מיט פאַרנעצטע באָרד און פּיאות, מיט יונגוואַרג און סרוב חדר־ייִנגלעך און קונדסים.

באַפּרייטע פון די ענגע, נישט געלופטערטע בתי־מדרשים און שטיבלעך, פון די אָרעמע חדרים און תלמוד־תורה, האָבן יידן און יידעלעך פרייער אָפּגעאָטעמט לעבן שטילן טייך און מיט הנאה אַריינגעאָטעמט די פרישע לאָנקע־לופט און געקוויקט זיך אינעם קילן טייך.

און יידן פלעגן זיך שטייענדיק טובלען ווער ווייסט וויפל מאָל פּונקט ווי אין דער מקווה, אַנדערע פלעגן „לייגן קלאַפּטער״ קעגן שטראָם, די געוואַגטערע לאָזן זיך שווימענדיק און דערגרייכן צום צווייטן ברעג, די גאָר גוטע שווימערס באַווייזן קונצן מיט די „פיס־טריט״, מיט די „פּלייצע־קלאַפּטער״, מיטן מאַכן זיך „געליימט״ אויפן אויבער־פלאַך, אָדער גאָר אונטערן וואַסער ביז העט ווייט מיטן שטראָם.

אָבער וועגן קיינעם האָט חברה נישט דערציילט אַזוי פיל מעשיות און גוזמאות, ווי וועגן יאַנקלען. די גויים פלעגן אים רופן „פּרענקליאַק״, אָבער זיין פולער יידישער נאָמען איז יעקב פּרענקעל.

יאַנקל איז געווען דער בעסטער שווימער אין כאַזשעל. „פּרענקליאַק״ האָט געקאָנט דעם „אָזשיץ״ ווי זיינע צען פינגער. ווי לאַנג און ווי ברייט דער טייך איז געווען, האָט יאַנקל אים אויסגעמאָסטן מיט זיינע מעכטיקע אָרעמס. געווען איז ער אַ ריז אַ בחור און שעמעוודיק ווי אַ כלה־מיידל.

געשטאַמט האָט יאַנקל פון אַ שטרענג חסידישער משפּחה. זיין פאָטער, שמואל „דער רבי״ האָט מען אים גערופן, איז געווען אַ „פאַרברענטער״ גערער חסיד און אַ ייד אַ לערנער און אַ תלמיד־חכם. אַ גלענצנדער בורר איז געווען שמואל „דער רבי״ און כסדר געפירט וויכוחים מיט די רבנים און דיינים און אייביק געהאַט טענות צו די

שוחטים. אָן איבערצייגטער אגודהניק, פלעגט ער פאַרפאָלגן מיט אייפער די ציונים און בכלל די „אויפגעקלערטע" פלעגט ער דערגיין די יאָרן.

און כאָטש יאַנקל האָט געמוזט זיך האַלטן „סטאַטשנע", גיין חסידיש־לאַנג געקליידעט און קיינמאָל נישט פאַרפעלן צו מינחה און מעריב, איז אָבער דער בחור שוין געווען „געכאַפּט אין דער מעשה". הלל צייטלין און זשיטלאָווסקי זענען ביי יאַנקלען פאַרעכנט געווען פאַר די גרעסטע גאונים און דובנאָוון האָט ער געקאָנט כמעט פון אויסנווייניק.

מחמת זיין עניוות, צוליב זיין פשטות און גוטמוטיקייט, האָבן אַלע, סיי יידן און סיי גויים, יאַנקלען האָלט געהאַט, בפרט נאָך ווען גאַנץ שטאָט האָט געוווּסט וואָס פאַרא בעל־כוח און גוטער שווימער ער איז, פלעגט זיין פּאָפּולאַריטעט נישט האָבן קיין גלייכן ביי יונגוואַרג און קליינוואַרג.

דער איינציקער וועמען יאַנקל האָט פאַרשאַפט עגמת-נפש אין שטעטל, איז געווען דעם שניידער. ווי בּרייט און ווי לאַנג דער בעל־מלאכה האָט נישט צוגעשניטן זיינע כאַלאַטלעך און פּאַלטענעס, פלעגן זיינע אַטלעטישע ברייטע אַקסלען עפּעס ווי אַרויס־שטאַרצן פון זיינע קליידער. און מיט די אַרבל איז גאָר געווען צרות. יעדן מלבוש וואָס „פרענקליאַק" האָט געטראָגן, האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער איז איבערגעניטשעוועט אָדער גאָר עפּעס נישט זיינער, ווייל זיינע הענט פלעגן עפּעס ווי אַרויסקריכן פון אַרבל. קיינמאָל האָט נישט געסטייעט דער אַרבל אויף צו פאַ־דעקן זיינע לאַנגע און מעכטיקע הענט. און דאָס יידישע טוכענע היטעלע מיטן קליינעם דאַשעקל איז שטענדיק, דאַכט זיך, געלעגן עפּעס ווי נישט זיינס אויפן פירקאַנטיקן גרויסן קאָפּ.

אָבער אַז „פרענקליאַק" פלעגט זיך באַפרייען פון זיינע מלבושים, זענען זיינע אָרעמס און פּלייצע זיך צעוואָקסן, זיך צעשפּרייט, ווי זיין אַטלעטישע פיגור וואָלט זיך אַנטבלויזט פון אַ פּאַנצער, און די מוסקולירטע אברים זיינע, פלעגן נערוועז צוקן ביי יעדער באַוועגונג זיינער און דער אַנטבלויזטער „פרענקליאַק" איז נישט געווען עפּעס דער זעלבער. דער יידיש אָנגעטאָענער פרענקעל האָט געהאַט אַ קנאַפּן שייכות צום נאַקעטן ריז, וואָס פלעגט זיך יעדן פאַרנאַכט באַווייזן ביים „אָזשיץ".

„פרענקליאַק" פלעגט ממש „איינשלינגען" די „רודא" מיט זיין געמאָסטענעם און אומדערמידלעכן „קלאַפּטער־לייגן", מיט זיין לאַנג־מינוטיקן טויכן אונטערן וואַסער און מיט זיין ספּעציפישער פעאיקייט צו שווימען קעגן שטראָם. עפּעס פלעגט זיך דאַכטן אַז ער פאָכעט מיט זיינע פעסטע אָרעמס אין דער לופטן און נישט ער איז גובר אַ וואַסער־שטראָם און חברה פלעגן קאָמענטירן אַז נאָר ער, יאַנקל, שווימט כמעט מיט אַ האַלבן קערפּער אויסערן וואַסער.

יאַטן פלעגן מקנא זיין „פרענקליאַקן", אָבער אין דער זעלבער צייט האָט מען זיך געגרויסט מיט אים, איבערדערציילט ווער ווייסט וויפל מאָל זיינע קונצן און

העלדישקייטן און נישט איינער פלעגט, מיט קינדעריש נאַאיווער פאַנטאַזיע, איבער־טרייבן זיינע המצאות.

און יענעם זומער איז געשען אַן אומגליק. דער „אָזשיץ" האָט פאַרכאַפּט אַ קרבן. און דער טויט פון אַ יונגן שגץ האָט גורם געווען, אַז דער נאָמען „פּרענקליאַק" זאָל ממש פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ לעגענדע.

אַ באַלעבאַטישער שגץ פון אַ נאָענטן שלאַכעצקן דאָרף האָט זיך דערנענטערט צום „אָזשיץ" און ס'האָט זיך אים פאַרגלוסט אַ רייץ טאָן מיטן טייך און אויפס כוח געוואָלט אריבערשווימען דעם שטראָם אין אַן אָפּגעזונדערט אָרט וואָס איז שטאַרק באַוואַקסן מיט קזשאַקעס. דער שגץ האָט זיך זאַ־גלאָז אַ לאָז געטאָן צו דערגרייכן די אַנדערע זייט פונעם טייך, אָבער ער איז שוין פונעם וואַסער מער נישט אַרויס.

די קולות פון פויערים און פויערטעס, וואָס זענען אָנגעלאָפן מיט קאָסעס און סערפּן אין די הענט, זענען דערגאַנגען צו דער „רודאַ".

איבערן גאַנצן לענג פונעם טייך האָט זיך אין יענעם זומערדיקן פאַר נאַכט צעטראָגן דאָס אומהיימלעכע געשריי „ראַטויטשע"! „ראַטויטשע"! און שקאָצימלעך און פאַסטוכער האָבן געטייט מיט די פינגער און אָנגעוויזן דאָס אָרט, ווו דער קרבן איז פאַרשוונדן געוואָרן צווישן די געדיכטע וואַסער־פלאַנצן.

די טרויעריקע ידיעה האָט זיך ווי אַ בליץ צעשפּרייט איבער דער לענג פוןביידע ברעגן פונעם „אָזשיץ" און גיך איז זי דערגאַנגען צו דער „רודע", דאָס פלאַץ אויף וועלכן די כאָזשעלער יידן האָבן געהאַט אַ חזקה. און אַלע ווי איינער, וויפל יידן עס זענען געווען לעבן טייך, האָבן האַלב אָנגעטאָן, האַלב נאַקעט, זיך אַ לאָז געטאָן פּאַזע די לאָנקעס, צום פלאַץ פון דער טראַגעדיע.

ווען די עטלעכע מנינים יונגוואַרג און קליינוואַרג זענען אָן אָטעם אָנגעקומען צום פלאַץ ווו מען האָט געזוכט דעם דערטרונקענעם שגץ, האָבן זיי דאָרט שוין געטראָפן אַ היפּש ביסל פויערים, גויעס, שיקסעס און שקאָצים, געקומענע פון נאָענטע דערפער און פון דערבייאיקע לאָנקעס.

אויפן טייך איז געשווומען אַן איינזאַמע לאָדקע און צוויי שקאָצים מיט לאַנגע דרענגער האָבן גענישטערט צווישן די געדיכט־פאַרפלאָכטענע געוויקסן און קוים דערגרייכט דעם אָפּגרונט. ביים ברעג האָבן זיך אומבאהאָלפן געדרייט און געלאָפן אַהין און צוריק די עלטערע גויים, געגעבן עצות, געשריען אויף אַלע קולות און יעדער האָט זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז ער ווייסט וועגן דע־טרונקענע מער פונעם צווייטן.

אַלטע פויערטעס, יונגע שיקסעס און שקצים האָבן שטילערהייט געווישט אַ טרער און אָן אויפהער דערציילט מוראדיקע מעשיות וועגן דערטרונקענע, פאַרכאַפּטע אין די קזשאַקעס, וואָס מען האָט קיינמאָל נישט באַוויזן אַרויסצורייסן ביים פאַרעקשנטן טייך און זיי טאַקע, די נישט קריסטלעך באַערדיקטע, די בלאָנדזשענדיקע נשמות אָן

אַ תיקון, וואָס פאַרבלייבן אויף אייביק אין די טיפענישן פון די זומפּן און טייכן, נעמען נקמה און פאַרשלעפּן אומשולדיקע קרבנות.

עלטערע פּויערים האָבן פּראַקטיק זיך געצלמט און געבעטן יעזוסן, אַז דער דערטרונקענער זאָל זיך כאָטש נאָך די דריי טעג באַווייזן ערגעץ אויפן אויבערפלאַך, ווי עס פלעגט אַמאָל פּאַסירן, ווייל געפונען אים וועט זיין אוממעגלעך, דער „אָזשיץ״, זיי קאָנען אים, וועט אַזוי לייכט נישט אָפּלאָזן זיין קרבן.

און ווען „פּרענקליאַק״ האָט אויף זיין צעקאָלעטשעטן פּויליש זיך גענומען נאָכפרעגן און געוואָלט אויסגעפינען אויף וועלכן אָרט און ווי אַזוי די מעשה איז געשען, האָבן די פאַרזאַמלטע גויים געענטפערט מיט אַ האַלבן מויל און מיט אַ מצוטרוי און מיט ביטול באַטראַכט דעם צעוואַקסענעם בחור.

ווער האָט נאָך אים געשיקט און ווער דאַרף אים, דעם שטאָטישן „זשידעק״, וואָס איז פלוצלונג אַריינגעפאַלן צווישן דער כאָפּטע גויים און זע נאָר אַ חוצפּה פון אַ יידן, צו קומען און דרייען אַ קאָפּ מיט נאַרישע פראַגעס, בעת ביי זיי, ביי די גויים, איז געשען אַזאַ אומגליק. און צווישן קריסטלעכן עולם האָט זיך דערוועקט עפּעס אַ ווידערווילן צו די אָנגעלאָפענע יידן פון דער „רודא״. ווער דאַרף זיי די זשידקעס און נאָך וואָס זענען זיי געקומען. און נישט איינער האָט שוין געהאַלטן ביים אָנרייצן די הינט אויף די נייגעריקע און צעשראָקענע יינגלעך און בחורים, וואָס האָבן שוין געגרייט זיך צו „מאכן פּיס״.

אָבער „פּרענקליאַק״ האָט שוין רואיק זיך גענומען אויסטאָן און אַנטשלאָסן געוואָרפן פון זיך די מלבושים. אים האָט וויניק וואָס געאַרט וואָס די שקצים מורמלען און וואָס ארום זענען געשטאַנען גויעס און שיקסעס. ער איז אין איין אויגנבליק דערשינען נאַקעט און פּאַמעלעך געלאָזט זיך צום טייך. יאַנקלס אנטשלאָסנקייט און דער פאַקט וואָס אויפן טיפן דנאָ פונעם טייך איז געלעגן אַ דערטרונקענער, האָט געווירקט אויף די גויים און ביים טייך האָט פּלוצים געהערשט אַ מיסטעריעזע שטילקייט.

אַ מאָדנער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף יאַנקלס פּנים ווען ער איז מיט געציילטע טריט געגאַנגען צום וואַסער. ער האָט זיי טיף אין דער ערד די גויים, די שקצים און אַפילו די ווייַנענדיקע שיקסעס. ער וועט דעם דערטרונקענעם שגץ אַרויסשלעפּן פון דעם טייך און ווייזן וואָס ער קאָן. אַזוי האָט ער באַשלאָסן און קיינער וועט זיין באַשלוס נישט ענדערן.

און איידער „פּרענקליאַק״ האָט באַוויזן צו דערגרייכן צום וואַסער האָט אַן אַלטער פּויער מיט אַ לאַנגן שטריק זיך אַ לאָז געטאָן צום ריזיקן בחור און באַשטאַנען ער זאָל זיך אַרומגאַרטלען מיט זיין פּאַסיק און מען זאָל אים צובינדן מיטן שטריק, אַז טאָמער פאַרפּלאָנטערט ער זיך ערגעץ, זאָל מען אים פונעם ברעג קאָנען אַרויסציען.

אָבער „פרענקליאַק“ האָט נישט געלאָזט זיך אַרומגאַרטלען.

דער בחור איז אין איין אויגנבליק פאַרשווונדן פונעם אויבערפלאַך. עס האָט זיין אטלעטישער נאַקעטער קערפער אַ בליאַסק געטאָן אַנטקעגן די לעצטע פאַר־נאַכטיקע זון־שטראַלן און עלאַסטיש זיך אַריינגעבורעט אין די טונקל בלויע וואַסערן פונעם „אָזשיץ“.

אין דעם מאָמענט האָט די זון זיך פאַרויטלט מיט איר שקיעהדיקער רויטקייט און דער בין־השמשות האָט פאַמעלעך גענומען פאַרדעקן די לאָנקעס מיט זיין ערב נאַכטיקער גרויקייט און דער טייך האָט שוין אָנגעהויבן גלאַנצן מיט זיין האַלב נאַכטיקן, בליי־בלואיקן שיין.

אָבער קיינער האָט נישט באַמערקט אַז די נאַכט פאַלט שוין צו. הונדערטער אויגן האָבן געגאַפט צום אויבערפלאַך פונעם וואַסער און יידן און גויים, מיט פאַרכאַפּטן אָטעם, האָבן שטילערהייט געציילט די רגעס, רגעס — לאַנגע שעהן, און מיט שפּאַנונג און אַנגסט געוואַרט אויפן נס, אָדער חלילה אויף נאָך אַן אומגליק...

עס האָט געהערשט אַ פייַנלעכע שטימונג. פון וויטן האָבן געוואָלט זיך אַריינרייסן אין דער אימהדיקער שטילקייט אַ פּאָר „קוואַקען“ פון פאַרליבטע זשאַבעס, אָבער אויך זיי האָבן פאַרלאָרן דאָס לשון.

גויעס און שיקסעס האָבן בלחש געפּרעפּלט קריסטלעכע תפילות און פאַרכטיק און נערוועז זיך געצלמט.

אַביסל אָן אַ זייט, געטוליעט איינער צום צווייטן, זענען געשטאַנען די חברה יאַטן און יונגוואַרג, די אָנגעלאָפענע פון דער „רודאַ“ און מיט פחד געוואַרט אויף יאַנקלס באַווייזן זיך אויפן אויבערפלאַך פונעם טייך.

די שקצים פון דער לאָדקע האָבן שוין פון לאַנג אַרויסגעצויגן די דרענגער פונעם וואַסער און געלאָזט דאָס שיפל מיטן שטראָם און געבויגענע נישט אַראָפּגענומען די אויגן פונעם טייך.

און „פרענקליאַק“ האָט זיך באַוויזן. זיין קאַנטיקער קאָפּ מיט די קורץ געשוירענע האָר האָט אַרויסגעשפּראָצט פונעם טונקעלן אויבערפלאַך העט וויט פונעם ברעג און זיין זשעדנע צעעפנט מויל האָט אָסטיק אַריינגעשלונגען שטראָמען לופט און מיט דער רעכטער האַנט האָט ער ווי עפּעס געווישט זיין פּנים און געריבן זיינע אויגן. דאָס האָט געדויערט געציילטע סעקונדעס. אינעם זעלבן אויגנבליק האָט דער יונג זיך אַ הויב געטאָן איבער זיך אַליין און טויכנדיק נאָך אַמאָל פאַרשווונדן געוואָרן אינעם שוין כמעט שוואַרץ־בלויען וואַסער.

„פרענקליאַקס“ באַווייזן זיך האָט געדויערט איין אויגנבליק און דער עולם אַרום האָט נישט באַוויזן אַפילו אָפּצוגעבן זיך אַ חשבון וואָס דאָ איז געשען. ערשט ווען

יאַנקל איז שוין געהאַט פאַרשוווּנדן, ווען ער איז נאָך אַמאָל נעלם געוואָרן, האָט זיך פון אַלעמענס מיילער אַרויסגעלאָזט אַ קאָלעקטיווער — אַה!

און ווי־דער איז טויט־שטיל געוואָרן אינעם שוין נאַכטיקן אַרום און דאָס טיאכקען פון הונדערטער הערצער פון די פאַרגאַפטע איז געוואָרן האַסטיקער.

אָבער דאָס מאָל האָט עס לאַנג נישט גענומען. גאָר פון אַ זייט, פון דער סאַמער געדיכטעניש צווישן פון די וואַסער־פלאַנצן און ווו דער שטראָם איז מעכטיקער, איז „פרענקליאַק" געשווומען מיט איין האַנט און דרייסט זיך געלאָזט צום ברעג און קלאָר האָט זיך געהערט זיין שטימע בעת ער האָט אויף פויליש אויסגעשריען — „מאַם גאָ זאַ נאָגען"!!! (איך האַלט אים ביי אַ פוס).

ווי עלעקטריזירט האָט דער עולם זיך אַ לאָז געטאָן צום טייך און יעדער אויף זיין געלבלעך־טויטלעכן בליאַסק, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן מיט אַ געיאָמער טאַטע־געוואַגטער אַקט פון „פרענקליאַקן" און די נאָר וואָס איבערגעלעבט־שפּאַנענדיקע רגעס, האָבן די פאַרזאַמלטע געמאַכט פאַרגעסן, אַז פאַר זיי ליגט דער טויטער קערפּער פון יונגן שגץ, וואָס יאַנקל האָט נאָר וואָס אַרויסגעשליידערט מיט איין האַנט פונעם טייך און וואָס איז געבליבן האַלב פאַרזונקען צווישן זאַמד און פלאַכן וואַסער.

צום דערטרונקענעם, וואָס האָט געגלאַנצט אין דער נאַכטיקער בלויקייט מיט זיין געלבלעך־טויטלעכן בליאַסק, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן מיט אַ געיאָמער טאַטע־מאַמע און משפּחה, אָבער די גרעסטע מערהייט פונעם עולם האָט מיט טיפן רעספּעקט אַרומגערינגלט דעם נאַקעטן ריז.

יאַנקל האָט מאָדנע געשמייכלט צו די אַרומיקע, עטלעכע מאָל אַ טרייסל געטאָן זיין אַטלעטישן קערפּער בכדי זיך צו באַפרייען פונעם רונענדיקן וואַסער און פּאַמעלעך געלאָזט זיך צו זיין קלומעקל אָנטאָן און וועש וואָס איז איינזאַם געלעגן אויף דער טויאיקער לאַנקע.

פּאַמעלעך האָט יאַנקל גענומען אַרויפציען אויף זיין האַלב־נאַסן קערפּער דאָס העמד און גאַטיעס, געדולדיק געשטעקט דעם קאַנטיקן קאָפּ זיינעם אינעם חלל פונעם טלית־קטן און קיין איין וואָרט נישט אויסגערעדט.


ווי לאַנג איז ער געווען אונטערן וואַסער, ווי אַזוי האָט ער אים געפונען, אויף וועלכן אָרט איז ער געלעגן און נאָך אַזעלכע צענדליקער פראַגעס זענען געבליבן אָן אַן ענטפער.

ווען „פרענקליאַק" איז פאַרטיק געוואָרן מיט זיין כאַלאַטל האָט ער אַ נעם געטאָן שיך און זאָקן און געלאָזט זיך באַרוועס צו דער סטעזשקע וואָס פירט קיין כאָזשעל, באַגלייט פונדערווייטנס פון דער חברה וואָס זענען געקומען פון דער „רודאַ".

דער גיבור פונעם „אָזשיץ" האָט דעם אויפדערנאַכט פאַרשפּעטיקט צו מינחה־מעריב.

נעמי כהן (זיסל גערשאנאוויטש)

איך געדענק!



ר׳ יוסף שוחט

אין כאָזשעל בין איך געבוירן,
דאָרט האָב איך מיין גאַנצע משפחה פאַרלוירן.
דאָרט אויף דעם הויכן באַרג,
אויף דעם גרינעם גראָז,
האָב איך קינדער־צייט געטרוימט וועגן גליק.
וואָס כ׳האָב דאַן געוואָלט כ׳ווייס אַליין נישט,
איינס ווייס איך, אַז עס קומט קיינמאָל צוריק.

צו קורץ ביסטו קינדהייט־טרוים געווען,
אָפּגעגלאַנצט גיך ווי אַ זייפן־בלאָז.
איך געדענק ביז איצט
ווי מיין באָבע האָט מיך אין „חדר“ געפירט,
זי האָט אַלעמען געזאָגט:
איך פיר אַ „בלאַסק“,
אָבער כ׳האָב דערפון נישט געמאַכט קיין טראַסק...
איך געדענק מיין פעטער משה־מענדל כהן,
ווי ער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע
אָבער ס׳האָט זיך אַרויסגעלאָזט פון אַלץ אַ גרויסע בהלה...
איך געדענק, אַז מען האָט נאָך 10 אָוונט נישט געלאָזט גיין,
איך בין נאָך דאַן געווען קליין,
ביז דער גרענעץ האָט מען געמעגט גיין
און דאַן האָט מען געמוזט בלייבן שטיין...
איך געדענק אויך אָסטאַשעווסקי דעם גראָבן,
ער פלעגט גיין פלעגט אונטער אים זיך אַלץ אונטערגראָבן...
ווען מען פלעגט אים זען גיין,
ס׳פלעגט קלאַפּן דאָס האַרץ מיט גרויס ציטער,
אַז מען פלעגט אים זען פלעגט ווערן זייער ביטער...

מלכה פלישון (ביישוויגער)

א באגעגעניש אין בוכארא

געווען איז עס אין יאָר 1942, אין ווייטן רוסישן אוזבעקיסטאַן, אין בוכאַראַ. דאָרט איז געווען אַ פּלאַץ, וווּ אַלע פּוילישע יידן האָבן זיך קאָנצענטרירט און איך בין דאָרט געשטאַנען יעדן טאָג, אפשר וועל איך טרעפן אַ נאָענטן, אָדער אַ באַקאַנטן. אָט אַזוי שטייענדיק טאָג־איין טאָג־אויס, זע איך איין מאָל ווי הונדערטער מענטשן רייסן זיך אין אַן „אָטשערעד“ צו באַקומען עפּעס אַ ווייסן געטראַנק. עס דערגייען צו מיינע אויערן די ווערטער: עפּעס אַ פּוילישער וואָס האָט אַן אוזבעקישן אידעם, האָט דעם געטראַנק אַליין געשאַפן און אַ נאָמען געגעבן — „פּיאַנקע“.

אַך, טראַכט איך מיר, ווי גליקלעך זענען די מענטשן וואָס טרינקען דאָס, און עפּעס

אַן אינערלעך געפיל האָט מיך געשטויסן זיך דערנענטערן צום קיאָסק. איך שטופּ זיך אַדורך, כאָטש די טאַש איז ביי מיר ליידיק, און פּלוצלינג איז ביי מיר דאָס בלוט ווי פאַר־גליווערט געוואָרן. איך זע אין קיאָסק יוסף טיק ז״ל. „הער טיק!״, שריי איך, אָבער ער הערט מיך נישט, ווייל די מענטשן רייסן זיך אַלע מיט איין אָטעם צו דער „פּיאַנקע״. „הער טיק!״, שריי איך אויס צום צווייטן מאָל, מיט מיין גאַנצן כוח. ער האָט מיך באַ־מערקט און מיט איין שפּרונג איז ער שוין לעבן מיר. ער נעמט מיך אַרום פונקט ווי אַ פאָטער און מיר צעוויינען זיךביידע שטאַרק.

„קום״, זאָגט ער צו מיר, „איך וועל דיך באַקענען מיט מיין אײדעם, דאָס איז מיין יהודיתס מאַן״. און יוסף טיק פירט מיך אַריין אין קיאָסק, באַקענט מיך מיט אַ הויכן אוזבעק און דערלאַנגט מיר אַ גלאָז „פּיאַנקע״. ביים צווייטן גלאָז, באַרימט ער זיך, אַז דאָס איז זיין זעלבסט־שאַפונג, און דער אײדעם (אַן נ.ק.וו.ד.יסט) שמייכלט זיך אונטער... ער פאַרשטייט שוין אַ ביסל די יידישע שפּראַך, יהודית לערנט אים... און יוסף זאָגט צו מיר: „קום מאָרגן, וועסטו דאָ טרעפן יהודיתן״. אויף צו מאָרגנס לויף איך שנעל און יהודית שטייט שוין און וואַרט אויף מיר, מיט אַ שיין, בלאָנד מיידעלע אויף די הענט. מאָדנע האָט עס אויסגעזען, ווייל אַלע אוזבעקישע קינדער זענען שוואַרצע און שמוציקע, און דאָ אַזאַ ליכטיק קינד מיט יידישע בלויע אייגעלעך...

מיר האָבן זיך געפרייט, געוויינט און ווידער געפרייט, און אַזוי זענען פאַרביי וואָכן און חדשים. יעדן טאָג געזען יוסף טיק מיט זיין טאָכטער און אײדעם ווי זיי פאַרקויפן די „פּיאַנקע״. איין מאָל קום איך צו צום פּלאַץ און טרעף שוין נישט מער קיין סימן פונעם קיאָסק. מיין איבעראַשונג איז געווען גרויס, אָבער כ׳האָב נישט געהאַט די מעגלעכקייט אויפצוקלערן די סיבה פון דער זאַך. אין אַ געוויסע צייט שפּעטער, שוין פאַר מיין פאַר־לאָזן בוכאַראַ, האָב איך זיך צופעליק אָנגעשטויסן אויף אַ מענטש, וואָס איז געלעגן אין שטאָטישן גאָרטן מיטן פּנים צו דער ערד און געקרעכצט. אַזעלכע בילדלעך זענען דאַן געווען אַ נאַטירלעכע דערשיינונג, דאָך האָט מיר דער אינסטינקט דיקטירט, אַז איך זאָל זיך דערנענטערן און אָנקוקן דעם מענטש. דאָס איז געווען יוסף טיק — אַ פאַרבלוטיקטער, אַן אָפּגעריסענער און פאַרשמאַכטער...

פאַרן פאַרלאָזן בוכאַראַ, איז מיר געלונגען אָפּצוזוכן יהודיתן. איך האָב זי געפרעגט וואָס איז מיט איר פאָטער? דער ענטפער איז געווען: ער איז אַרויסגעפאָרן פון בוכאַראַ, ווייל ער טראַכט צו פאָרן קיין פוילן. „און דו, יהודית, וואָס רעכנסטו צו טאָן״, האָב איך געפרעגט. „מיין מאַן לאָזט מיך נישט אַוועק״, איז געווען איר ענטפער, „אַפילו איצט האָב איך זיך אַרויסגעגנבעט פון שטוב, ער האָט מיך זייער ליב, מיר וועלן פאָרן קיין פּערסיע, אַזוי זאָגט מיר צו מיין מאַן״...

מיט דעם האָבן זיך פאַרענדיקט מיינע באַגעגענישן מיט יוסף טיק און זיין טאָכטער יהודית.

פ. (ב.) מלכה

פאר מיינע אויגן...

כאַזשעל איז געווען גרויס ווי אַ גענעץ,
נעבן דער דייטשישער גרענעץ;
מיט שמאָלע געסעלעך,
און יידישע געשעפטעלעך.

געקענט יעדן ציילן אויף די פינגער,
אָבער די יוגנט האָט באַוויזן וווּנדער;
זיך פאַר אַרטיסטן געמאַכט ביז גאָרלעך,
און געלאַכט פון אַלע פּאָרלעך...

די מיידלעך זענען אויך נישט שולדיק געבליבן קיין וואָרט,
איך, פייגע, רבקה, לאה מיט כאַנטשען בראש;
זיך צונויפגעקומען פאַר ליכט־צינדן יעדן פרייטיק,
און גענומען רעדן פון יעדן באַזונדער גאָר גלאַטיק...

נאָר לאַנג זיך נישט געפרייט, אָט איז שמואל געקומען גלייך,
דערהערנדיק זיינע טריט — שנעל פאַרלאָזט די קיך;
ווייל מיר האָבן מורא געהאַט פאַר פרענקל שמואל,
אַז נישט וואָלט ער אויסגעשריען: שיקסעס זענט איר!

עס דערמאָנט זיך מיר איין ווינטער־נאַכט,
ווען די „סטשעלצעס" האָבן אַ באַל געמאַכט;
מיר אַלע זענען געגאַנגען טאַנצן,
וואָס האָט דאָס אונדז געקענט פאַרשאַטן...

צעבונטעוועט זיך אונדזערע יינגלעך, גענומען ממש שפּרינגען,
סטייטש, מיר וועלן נישט דערלאָזן אַז אונדזערע מיידלעך זאָלן אַזוי ווערן;
נישט געמיינט אונדז צו פאַרטיידיקן, עס האָט זיי נעבעך גוט ווייי געטאָן
און נישט געקאָנט דאָס מער איבערטראָגן...

געלאָפן און געבראַכט כץ האָדעסן,
אינמיטן בעסטן טאַנץ אַרויסגעשלעפּט רבקהן פאַר דער האַנט;

מיר אַלע שטיין געבליבן, זיך נישט גערירט פון אָרט,
דאָס בלוט איז אונדז געקומען ביז צום קאָפּ...

און פאַר מיינע אויגן תמיד שוועבן,
יענע אַמאָליקע כאַזשעלער לעבנס;
זאָל זייער אָנדענק נישט פאַרגעסן ווערן,
ווי לאַנג מיר וועלן לעבן...

רחל ניוועס (טיקולסקער)

געווען א היים געווען א שטעטל

*

מיין ליבע קינדהייט־היים
געווען בכבודיק און שיין.
דער שבתדיקער טיש אין פראַכט
מ׳ין טאַטע האָט קידוש געמאַכט.
עס פינקלט מיט פרייד מיין געזיכט
עס פינקלען מיין מאַמעס ליכט.

מ׳ין מאַמען איז געווען באַשערט
זי רוט אין כפר־סבא׳ר ערד.
ביי איר קבר ווי אין אַ חלום פאַרוויגט
דערמאָן איך דעם לעבן וואָס האָט געבליט.
ווען כ׳קום אַהער און בלייב דאָ שטיין
קומט אַ תפילה פון זיך אַליין.

אַ צווייגל באַוועגט פון לייכטן ווינט
וועקט אויף זכרונות גיך־געשווינד.
די אויגן פינקלען און ס׳פאַלט אַ טרער
ווער קען טרייסטן — ווער, ווער?
געווען אַ היים, געווען אַ שטעטל
געבליבן איז אַ טרויעריק בלעטל.

*

דאָס ליכטיקע פענצטער פון מיין באָבעס הויז
פון קליינעם געסל קוקט חנוודיק אַרויס.
דער באָבעס שטוב איז גייסט און חמימות
זי אַליין איז דורך אין תמימות.
יעדן שבת ווען מען פלעגט ראש־חודש בענטשן
האָט די באָבע געפּראַוועט אַ סעודה און פאַר־
בעטן מענטשן.
זיבן טעג אין וואָך, זיבן זענען די מנורה־רערן
האָט די באָבע ליכט געצונדן און פאַרגאָסן
טרערן.

דער שבת איז פאַרבײַ אין הימל פינקלען
שטערן
„גאָט פון אברהם"... ווידער גיסן זיך טרערן.
מיין באָבעס טרויעריקע תפילות פון יענע יאָרן
אויף אייביק זענען איינגעקריצט אין זכרון.

*

מיין ברודער נחמן האָט פאַרלאָזן דאָס היים
אין ערשטן קריג
דעם גרענעץ איבערגעשפּאַנט מיט טרויס
און העלן בליק.
דאָס האַרץ האָט געצויגן צום לאַנד פון זיין
שטרעבן
דורך וועגן־אומוועגן באַנייען דאָס לעבן.
די האַנט פונעם גורל האָט אַנדערש געפירט
דיין כבוד מיין ברודער פון דעמאָלט איך היט.

*

געווען אַ היים, געווען אַ שטעטל
געבליבן איז אַ טרויעריק בלעטל.

בני הורז'ל שנפלו בעת מילוי תפקידם

אלטער — חיילת, בת חיים

ביישוויגער נתן בן אסתר

גורמאן נחמן בן שמואל

וויינגורט אברהם בן מאיר־יעקב

ציגענבויק אברהם בן משה

שניאַדאָווער דוד בן שמעון



אלישע שמואלי בן פרימעט (קאָזשעניאַק)

דריטער טייל

דאקומענטן
און
ר ש י מ ו ת

זייטן 241 — 272

ד ר י ט ע ר   ט י י ל

דאָקומענטן און רשימות

ב י ו ל ע ט י ן
ד ע ר „ה ח ל ו ץ   ה צ ע י ר"

ארויסגעגעבן דורכן „החלוץ הצעיר" אין כאושעל
נר. 1, דעם 25־טן נאוועמבער 1932
(איבערגעגעבן גענוי פונעם אָריגינאַל)


החלוץ הצעיר

שהחיינו

דער ביולעטין פון „החלוץ הצעיר" (ערשטע זייט)

שהחיינו!

אַ גרויסע נייעס! דער סניף „החלוץ־הצעיר" אין כאָזשעל איז געוואָרן מיט לייטן גלייך; מיר גיבן שוין אויך אַרויס אַן אייגענע צייטונג! אַזאַ ידיעה איז פלוצים פאַרשפרייט געוואָרן מיט שמחה צווישן חברים און סימפּאַטיקער.

אָבער נישט איינער האָט, מסתמא, געבנדיק זיין ברכה די איניציאַטאָרן פון דעם אויפטו געמאַכט „שהחיינו" מיט אַ טרויעריק געמיט, ווייל ער האָט געהאַט ספקות אין זיין עקזיסטענץ־מעגלעכקייט. גוט טאַקע, האָט ער זיך געטראַכט, דאָס די צייטונג איז נישט קיין טעגלעכע, קיין צוויי־וואָכנדיקע און אפילו נישט געדרוקט אויף קיין

מאַשין, נאָר מיט אַ העקטאָגראַף; און אויב איר ווילט איז אפשר דאָס אויך נישט, ווייל זי ווערט איבערגעשריבן דורך אַ חבר!

אָבער אַפילו דאָס פאָדערט געוויסע הוצאות, וואס איז היינט ביי אונדזערע פינאַנ־סיעלע מעגלעכקייטן זייער שווער צו לייסטן און מ׳דאַרף דערצו אַ מאַסע געדולד!

און דער עיקר, האָבן מיר דען חברים מיט כאָטשיק־עפּעס זשורנאַליסטישע פעאיקייטן? און ווער וועלן דאָס זיין די רעדאַקטאָרן?

נישט אמת?

אָבער חברים! נישט דאָס איז אונדזער אויפגאַבע. מיר מיינען נישט סתם זיך צו באַרימען, אַז אויך מיר גיבן אַרויס, פון צייט צו צייט, אַן אייגענע צייטונג. אונדזער ציל איז: יעדער חבר פון אַן אָרגאַניזאַציע און בפרט אַ יוגנט־אָרגאַניזאַציע האָט זיך זיינע ספּעציפישע פאָדערונגען און מיינונגען וועגן געוויסע פּאַסירונגען אין דער באַוועגונג, אָדער יחס פון חבר לחבר, אָדער בנוגע זיין אָרטיקן ועד און הנהלה.

אָט וועגן די אַלע פראַגן וואָס קוועלן אונדזערע חברים, ווילן מיר זיי געבן אַ מעגלעכקייט זיך פריי אַרויסצוזאָגן. און יעדער חבר וועט שוין קאָנען ענטפערן אויף די געשטעלטע פראַגן אין פאָרם פון אַ פרייער דיסקוסיע.

און אויב מיר וועלן זען ערגעץ אַ געדרוקט אַרטיקל, וואָס אינטערעסירט אונדזערע חברים און נישט יעדער האָט די מעגלעכקייט דאָס צו לייענען, וועלן מיר עס איבערשרייבן.

מיט איין וואָרט! די צייטונג וועט זיין נאָר פאַר די אינטערעסן פון חבר. כ׳מיין, דאָס יעדערער פאַרשטייט די וויכטיקייט און דערציערישע באַדייטונג פון אַזאַ צייטונג פאַרן סניף. און יעדערער וועט געוויס ענערגיש, מיט אַלע זיינע מעגלעכקייטן אונדז אונטער־שטיצן, בכדי צו דערמעגלעכן איר דערשיינונג.

און צום לעצט — ווייל איך ליבע חברים באַמערקן, דאָס איר זאָלט זיך באַמיען, דאָס יעדער חבר זאָל במשך פון דער וואָך אָנשרייבן מינימום איין אַרטיקל פון דער צייטונג. און זאָל זיך קיינער נישט טראַכטן: ווי קום איך צום שרייבן? כ׳האָב נישט קיין זשורנאַליסטישע פעאיקייטן? זאָלן זיך די איניציאַטאָרן אָפּגעבן מיט אַזעלכע נאַרישקייטן.

חברים ווייסט! דאָס וועט האָבן אַ גאָר גרויסע באַדייטונג פאַרן וווקס פון אונדזער סניף הן אין כמות הן אין איכות. און פאַר שרייבן זאָל זיך קיינער נישט שרעקן, ווייל מיר, די איניציאַטאָרן, האָבן אויך נישט קיין גרעסערע פעאיקייטן פון אייך.

י.—ל.

פיל הצלחה צו דער דערשיינונג פון אונדזער חבריש בלעטל „החלוץ־הצעיר", ווינטשט די קבוצה „שושנים"

שלום חברה!

אָט האָבן מיר געמאַכט דעם ערשטן טריט צו עפענען אַ ביסל ברייטער די טויערן פון אונדזער אַנטוויקלונג. אונדזער ועד האָט זיך באַמיט אַרויסצוגעבן אַ חבריש־בלעטל „החלוץ־הצעיר".

מיר אַלע טראָגן דעם נאָמען חברים פון „החלוץ־הצעיר", און דאָ קריגן מיר צו נאָך אַ חבר, וועלכער פאַרדינט צו טראָגן דעם גאַנצן ריכטיקן נאָמען „החלוץ־הצעיר".

דער חבר וועט זיין העכער פון אונדז, זעלבספאַרשטענדלעך, איז עס אָפּהענגיק פון אונדזער ווילן. ער וועט אַריינדרינגען אין אַלע געהיימע ווינקלעך פון אונדזערע נשמות, ווייל ער האָט די אויפגאַבע צו דערוויסן זיך וועגן אונדזער לעבן. ער וועט אויפוועקן אַלע אונדזערע פאַרשלאָפענע געדאַנקען און דעריבער, ליבע חברים, שטויסט אים נישט אָפּ, דאמאָלט ווען ער קומט צו אייך און קלאַפּט אין אייערע מוחות!

שטייט אויף פון שלאָף און נעמט זיך צו דער פעדער!

דערציילט אים, חברים, וואָס איר קלערט און מיינט. דערציילט אים וועגן אַלעס אומפאַרשטענדלעכעס, גיט אים איבער: דערציילונגען און לידער. דאַן וועט ער דאָס איבערגעבן אַלע חברים און איר וועט באַקומען ענטפערס אויף אַלץ וואָס איר וועט פאָדערן.

אויף דעם וועג קענען מיר זיך בעסער צוזאַמענלעבן. עס וועט נישט הערשן צווישן אונדז קיין שום פאַרבאָרגענע זאַכן, און דער וועג פון אונדזער חבר צום לעבן וועט שיין זיין.

צי וועט איר נישט זיין צופרידן, ווען איר וועט נעמען אַזאַ בלעטל אין האַנט אַריין, און איבערקוקנדיק אים, וועט איר געפינען פרעמדע ווי אויך אייערע אייגענע רעיונות?

די גייסטיקע וועלט פון יעדן איינציקן חבר וועט זיין קלאָר און פאַרשטענדלעך פאַר אַלעם. אויסער דעם וועלן מיר האָבן אַ שפּיגל אין וועלכן ס'וועט זיך אָפּשפּיגלען אונדזער לעבן און דאָס לעבן פון סניף.

דעריבער, ליבע חברים, נעמט אייך צו דער אַרבעט! זאָל דער פריש צוגעקומענער חבר נישט אַוועקגיין פון אונדז, ווייל אַזאַ אויפגאַבע און אַזאַ באַדייטונג קען נאָר ער דערפילן.

שרה איכלר (אלון)

צו נייע מעשים

דאָס נייע אַרבעטס־יאָר הייבט זיך אָן. אַ רייע חדשים אין זומער איז די אַרבעט עטוואָס אָפּגעשוואַכט געוואָרן און עס פאָדערט זיך דעריבער גלייך ביים אָנהייב פון נייעם אַרבעטס־יאָר, אַ פאַרגרעסערטע אָנשטרענגונג, כדי גוט צו מאכן דאָס פאַר־נאַכלעסיקטע. דער איינציקער וועג פון אונדזער הצלחה איז די קאָנקרעטע טאַט, נאָר אין דער ריכטונג קען און מוז זייז אונדזער אָנשטרענגונג. די אָנשטרענגונג פון די אַלע, וואָס זענען אין דער ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל בכלל און „החלוץ־הצעיר" בפרט, דערנענטערט דעם אויפבוי פון ציוניזם.

וואָס באַטייט דער ציוניזם? דער ציוניזם באַטייט: רעוואָלוציאָנערער איבערבוי פון יידישן לעבן. דער אויפבוי פון אונדזער נאַציאָנאַלער היים.

די טרעגער פון דעם ראַדיקאַלן איבערברוך אינעם יידישן לעבן זענען די יידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל. דעריבער חברים, לאָמיר זיך צוגרייטן ענערגיש צו אונדזער ציל, ד. ה. אַריינצוטרעטן אין „החלוץ־הבוגר" מיט אַ געהעריקן פיזישן און גייסטיקן זאַפּאַס. מיר זאָלן קענען ווירדיק טראָגן די פאָן פון דער יידישער אַרבע־טערשאַפט אין ארץ־ישראל, און ווייטער מיט דערפאַלג פאָרזעצן אויף די פאָדערשטע פאָזיציעס די דערהאַבענע אַרבעט.

גפן (ז'. וו.)

שיר

שלום לכם חלוצים אחינו!
קדושה היא מטרתנו,
נקלע ביחד ידינו,
ונלך לחיות בארצנו.
כי זו ארץ, כי זו ארץ, רק בשבילנו!
כי זו ארץ, כי זו ארץ, ארץ אבותינו!

שרה איכלר (אלון)

ניין! אַזעלכעס טאָר נישט דערלאָזט ווערן!

וואָס מ׳קאָן זאָגן צו די לעצטע געשעענישן אין ארץ־ישראל.

מיר ווילן קיין קאַמף נישט פירן. עס טאָר אויך אַזעלכעס נישט פּאַרקומען, ווייל דאָס גרויסע בוי־ווערק, וואָס מיר האָבן אונטערגענומען, איז נאָכנישט פאַרענדיקט. עס איז נאָך אפשר קיין העלפט נישט פאַרענדיקט און ביי אַזעלכע באַדינגונגען דראָט אַ געפאַר קיינמאָל נישט פאַרענדיקט צו ווערן.

מיר קענען גלייכגילטיק נישט בלייבן, אַז אין ארץ־ישראל, די צוקונפט פון די יידישע אַרבעטס־מאַסן, זאָל פּאַרקומען שטרייק־ברעכעריי. און די שטרייק־ברעכער זאָלן זיין נישט קיין אַנדערע, נאָר די „אומשולדיקע" בית״ראָווצעס אונטערגעהעצט דורך זייער ל״ג־בעומר־גענעראַל! ברידער פון איין פאָלק.

געקומען איז די רעוויזיאָניסטישע באַוועגונג אויף דער ציוניסטישער גאַס, גערעדט וועגן באַנייען און אַנטפּלעקן נייע כוחות, ווייזן נייע וועגן פון אויפבוי, און צום סוף האָבן זיי באַוויזן זייער אמתן פּרצוף!

אין דער צייט, ווען קיין שום אַרבעטער פון קיין שום אַנדער פאָלק, וואָס באַוווינט דאָס לאַנד איז נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט, זענען מיטגלידער פון „בית״ר", אונטערן שוץ פון בריטישער פּאָליציי, געקומען אַרבעטן אין פאַבריק. די אָפענע שטרייק־ברעכעריי וועט צוויילן דעם סוף און עפענען די אויגן יענע יוגנטלעכע אַרבעטער, וואָס זענען געפאַנגען געוואָרן פון דעם רעוויזיאָניסטישן שקר. זיי וועלן צוריק געפינען זייער אָרט אין די שורות פון דער „הסתדרות", די שורות פון דער באַוועגונג פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל.

עס טאָר אויך נישט דערלאָזט ווערן, אַז יידישע קאָלאָניסטן פון זכרון־יעקב און נס־ציונה א. אַ. יידישע אונטערנעמער פון תל־אביב אוז ירושלים, זאָלן באָיקאָטירן יידישע אַרבעטער, וועלכע זענען אָנגעשלאָסן אין דער הסתדרות. דער קאָלאָניסט האָט מורא פאַר דער „הסתדרות", וועלכע קעמפט פאַר אַ 7־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג און אַ גרעסערן לוין, אין דער צייט, ווען ער קריגט דעם אַראַבישן אַרבעטער מיט אַ פּאָר פּיאַסטער ביליקער.

ניין! מען קאָן אַזעלכעס נישט דערלאָזן! אָן יידישע אַרבעט איז נישטאָ קיין יידיש ארץ־ישראל!

אבן־מוראה (א. ל.)

אָאַזיס

אויף שטיינער פון ברוק, דאָס פאַרגאָסענע בלוט
וועט פאָדערן, מאָנען ביי גאָט,
נאָר מעגלעך וועט דער הימל פאַרנעמען אַ געשריי
ס׳וועט וויינען די שטיינערנע שטאָט.

בלויז איינצלנע וועלן פאַרלאָזן דעם רעש
דאָס גיפטיקע שטאָט־גערויש,
און זינגען דאָס ליד פון דעם אייגענעם האַרץ:
דער מדבר, דער מדבר איז גרויס.

בלויז איינצלנע נעמען אַן אַקער אין האנט
און אין צווייטן, אין צווייטן געווער...
און ס׳פלאַמען די אויגן מיט הייליקן מוט
און לייכט ווערט דער וועג וואָס איז שווער.

וועט ריזלען אין מדבר אַ זילבערנער קוואַל
אַ דאָרף וועט זיך טרינקען אין גרינס,
און אַ גליענדע זון צווישן ביימער און זאַמד
וועט פלייצן מיט סנאָפּעס פון גאָלד.

און מענטשן ווי סאָסנעס צעבליטע אין ריי
מיט פייער פון גלויבן אין האַרץ,
וועלן באַזינגען די ברכה פון אייגענער מי
און פאַרשעלטן דעם טומל פון שטאָט.

די וואָס שפּאַסן וועלן ווייטער שפּאַסן
די וואָס בויען וועלן ווייטער בויען,
אונדזער גלויבן איז אַ לויכטנדער טורעם
וועלכער שטייגט צום הימל לויטערן און בלויען.

הענט וואָס האַקן שטיינער בראָנעווען און זייען
וועלן שניידן מיט געזאַנג די פרוכט פון שטורעם־יאָרן.
בלוט און מאַרך געאָפּפערטע מיט גליענדיק גלויבן
פאַרוואַנדלען וועלן וויסטע ערד אין אַ ניי גן־עדן.

אברהם שטורמאַק

אונדזערע איינדרוקן

אַ קורצע צייט איז אַדורכגעלאָפן זינט מיר זענען אַריינגעטראָטן אין סניף פון „החלוץ־הצעיר". נאָר ס'איז געווען, אַז דער געדאַנק אויסצופילן די אויפגאַבע, צו זיין ריכטיקע חברים האָט אונדז אין גאַנצן באַהערשט. ביזן איצטיקן מאָמענט האָבן מיר נישט געוווסט, אַז עס עקזיסטירט גאָר אַ וועלט, אַ חברים־וועלט, וואָס איז אינגאַנצן אַנדערש פון דער אין וועלכע מיר האָבן ביז איצט געלעבט. דאָס איז אַ וועלט פון הייס־צוזאַמענלעבן, וואָס איר שטראָם שלעפּט אַלע מיט. ווי נאָר מיר זענען אַריינגעקומען אין לאָקאַל פון אונדזער סניף, האָט אַ בלאָז געטאָן אויף אונדז אַ כוואַליע פון פריילעכקייט, עס האָט אונדז אַרומגערינגלט אַן אַטמאָספערע פון ברודערשאַפט, מען זינגט און טאַנצט — אַלעס צונויפגעבונדן.

אויסער דעם בינדט צונויף די אַלע מענטשן אַ ציל, צו וועלכן זיי אַלע שטרעבן. מיט איין געשריי שרייען זייערע הערצער און איין געדאַנק הערשט אין זייערע מוחות. צו זיין אין ארץ־ישראל איז זייער צוקונפט! מיט אַ וואונדערבאַרן כוח זענען מיר געוואָרן צוגעצויגן צו דער גאַנצער מחנה מענטשן און אַ קורצע רעוואָלוציע איז פאָרגעקומען אין אונדזערע הערצער.

עס איז אונדז קלאָר געוואָרן דער וועג חלוציזם, פון וועלכן מיר האָבן ביז איצט נישט געוווסט. איצטער וועלן מיר זיך באַמיען גוט זיך צו באַקענען מיט דעם וועג און זיין מיטהעלפער מיט די וואָס גייען אויף אים.

קבוצה „שושנים"

פרעמיעס פאַר די לעזער פון „החלוץ־הצעיר"

בכדי צו דערמעגלעכן די חברים פון „החלוץ־הצעיר" צו טראָגן זשעטאָנען, וועלן מיר געבן אַ פרעמיע אין דער פאָרם פון א זשעטאָן. יעדער חבר וואָס וועט אונדז צושטעלן 5 קופאָנען וואָס וועלן זיין געדרוקט אין 5 נומערן „החלוץ־הצעיר" וועט האָבן דאָס רעכט צו געווינען אַ זשעטאָן.

דעם ערשטן קופאָן גיבן מיר אין היינטיקן נומער.

וועגן פאַרטיי־דיסציפלין

פאָריקע וואָך האָט דער „החלוץ" אַראָפּגעבראַכט דעם באַוווסטן אַרטיסט זשאַק לעווי אויף אַן אויפטריט אין כאַזשעל. מיר האָבן געמיינט, אַז אונדזער טאַט וועט ווערן באַגריסט פון אַלע היגע גרופּירונגען, ווייל ווי קען דען זיין אַנדערש? אַ קליין שטעטל, וועלכע האָט נישט קיין אייגענע דראַמאַטישע כוחות, וועלכע האָט נישט די מעגלעכקייט אַראָפּצוברענגען אַ בעסערן רעדנער, ווער שמועסט נאָך פון אַן אַרטיסט ווי זשאַק לעווי.

אַ שטעטל, וועלכע האָט נישט קיין קינאָ און די יוגנט האָט נישט ווו צו פאַרברענגען איר פרייע צייט און בפרט צו געניסן עפּעס אַ גייסטיקן גענוס. איז געקומען דער „החלוץ" מיט דער הילף פון פראַשניצער ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל און געפּרוווט איבעררייסן די טרויעריקע טראַדיציע פון פאַרשלאָפנקייט און פאַרשאַפן דער יוגנט אַביסל גייסטיקן גענוס.

ווייזט זיך אַרויס דאָס „שפּרינצע" איז אויך דאָ.

די פּרץ־ביבליאָטעק („בונד" בלע"ז), די כלומרשטע פאַרזאָרגערין פון קולטור פאַר די היגע יוגנט, וועמענס בילאַנס פון קולטורעלער טעטיקייט באַשטייט פון זאַבאַוועס, מסרן אַ ליגע־פאַרזאַמלונג און אַ פּאָר ציון־פּרעסערישע פאַרזאַמלונגען — האָט גענומען קלאַפּן טרעוואָגע אויף דעם שרעקלעכן אומגליק, וואָס דראָט כאַזשעל. מען האָט אויף שנעל צוזאַמענגערופן אַ „כעלמער" אסיפה און באַשלאָסן נישט צו דערלאָזן צום אָוונט און דערקלערן באָיקאָט. ווייל — האָבן זיי געטענהט — די חלוצים קומען נישט אויף אונדזערע זאַבאַוועס, טאַנצן מיט זייערע מיידלעך, און נישט אַלע חלוצים קומען אויף אַ רעפעראַט וואָס זיי אָרדענען איין איינמאָל אין פינף יאָר.

ספעציעל האָבן זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט דעם אָוונט צו שטערן, — די 2 כלומרשטע אָנפירער פון „בונד", אגב שלימזלס און גייסטיקע כאַמעס אין פולן זין פון וואָרט.

אינטערעסאַנט איז אויך, וואָס זיי האָבן דורך זייערע דעלעגאַציעס דערקלערט: אויב מען וועט זייערע מיטגלידער געבן הנחה־בילעטן, וועלן זיי זייער הייליקן קאַמף אָפּשטעלן, ד. ה. קעמפן כלומרשט לשמה און מיינען באמת די קעשענע־אינטערעסן. אָט דאָס איז זייער אמתער פּרצוף! רעדן פון גאָט און האַלטן דערביי אַ שרץ אין האַנט!

אָבער געזיגט האָט דער געזונטער פאַרשטאַנד. נישט געקוקט אויף זייער באָיקאָט איז דער אָוונט אַדורך מיט גרויס דערפאָלג ביי אַ פול־געפּאַקטן זאַל.

זאָל דאָ אָבער פאַרצייכנט ווערן פאַר דער עפנטלעכקייט: אַלע די, וואָס האָבן אַזוי הויך געשריגן וועגן באָיקאָט האָבן זיך נישט געשעמט צו שטיין אונטערן פענצטער און אויף אַזאַ אָריגינעלן און געמיינעם אופן זיך איינגעשפּאָרט דעם פּרייז אַפילו פון הנחה־בילעטן. אָט אַזוי זעט אויס די מאָראַל פון „בונד", ס'איז נאָר צו באַדויערן, וואָס פאַרשטענדלעכע מיטגלידער פון פּרץ־ביבליאָטעק, וועלכע האָבן געוואָלט אויסנוצן די געלעגנהייט און זיך פאַרשאַפן אַביסל גייסטיקן גענוס, זענען געשטערט געוואָרן דורך דעם באַשלוס פון זייער פאַרוואַלטונג. לאָמיר האָפן דאָס דער פאַקט וועט עפענען זייערע אויגן און זיי וועלן איינזען דעם ריכטיקן מהות פון זייערע קולטורעלע פאַרזאָרגער און וועלן זיך מאַסנווייז אָנשליסן אין אונדזערע רייען.

ס—ל

נייעס פון סניף

דעם 21טן נאָוועמבער 1932 איז לויטן באַשלוס פון ועד אַריבערגעפירט געוואָרן אין „החלוץ־הבוגר" די חברה פריימאַן זלאַטע.

לעצטנס איז צוגעקומען אַ קבוצה א. נ. „שושנים", וועלכע באַשטייט פון זיבן חברים־ות, אין עלטער פון 13 יאָר. די אַרבעט ווערט געפירט זייער ענערגיש.

4 מאַן פון „החלוץ־הבוגר" זענען באַשטעטיקט געוואָרן צו עליה.

שטיצט דעם „קרן־התרבות" פון „החלוץ הצעיר"!
שטיצט דעם „קרן החלוץ"!
שרייבט זיך איין מאַסנווייז אין דער ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל!
שטיצט דעם קרן קימת לישראל!

אַרויסגעגעבן דורך א. ליכטנשטיין

פראטאקאלן פון דער גמילות־חסד קאסע
(22–23 יאנואר 1938)

(איבערגעגעבן געטרוי פונעם אָריגינאַל)

STOWAR... „GMILUS-CHESED"
w Chorzelach
woj. Warsz.

דער פּראָטאָקאָל פון דער גמ״ח־קאַסע פונעם 22סטן יאַנואַר 1938

פּראָטאָקאָל נומ. 1

כאָזשעל, שבת, כ׳ שבט תרצ״ח, דעם 22.1.1938, 7 אזייגער אָוונט, איז פאָרגע־קומען די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון גמ״ח־קאַסע מיטן פאָלגנדן טאָג־אָרדענונג: 1) דערעפענונג; 2) וואַלן פון אַ פאָרזיצער פאַר דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג; 3) פאָרלעזן די דערלויבעניש פון דער מאַכט צו פירן די גמ״ח־קאַסע, דעם רעגולאַמין און סטאַטוט פון דער גמ״ח־קאַסע; 4) באַריכט פון דער ביז איצטיקער טעטיקייט; 5) באַשטימונג פון די באַדינגונגען און הויך פון די הלוואות; 6) וואַלן פון דער פאַרוואַלטונג און רעוויזיאָנס־קאָמיסיע; 7) פרייע פאָרשלאָגן.

1) דער גרינדער פון דער גמ״ח־קאַסע ה׳ מ. פרידמאַן האָט געעפנט די פאַרזאַמלונג.

2) אַלס פאָרזיצער איז אויסגעוויילט געוואָרן איינשטימיק ה׳ אברהם־מיכאל אדלער, ער האָט איינגעלאַדן אַלס בייזיצנדע ביים פּרעזידיום די ה״ה: שמואל פרענקל און אברהם שיניאַק; אַלס סעקרעטאַר ה׳ הירש גרינבערג.

3) ה׳ שבתי פרענקל לעזט פאָר די דערלויבעניש פון וואָיעוואָדע און דעם ביילינגדן בריוו פון סטאַראָסטע, ווי אויך דעם רעגולאַמין און סטאַטוט פון דער גמ״ח־קאַסע. די פאַרזאַמלונג נעמט דאָס צו קענטעניש.

4) ה׳ מ. פרידמאַן גיט איבער דעם באַריכט. ער ווייזט אָן, אַז צום געדאַנק פון גרינדן אַ גמ״ח־קאַסע האָט אים געפירט די קריטישע לאַגע פון שטעטל און די שוועריקייטן צו באַקומען קרעדיט אַפילו אויף פּראָצענט. דורך דער גמ״ח־קאַסע וועט יעדער בעל־מלאכה אָדער סוחר קאָנען באַקומען אַ הלוואה אָן פּראָצענט און דאָס וועט זיכער לינדערן אין אַ געוויסער מאָס די נויט. ער האָט זיך געווענדעט צו אונדזערע שטעטלדיקע אין אויסלאַנד, פינף בריוו האָט ער געשריבן. ער האָט באַקומען ביז איצטער איין ענטפער פון ר׳ יהודה וואַלערשטיין פון קאַנאַדע מיט אַ טשעק אויף 200 דאָלאַר. דאָס איז דער ערשטער פונדאַמענט. מ. פרידמאַן ווענדעט זיך מיט אַן אַפּעל צו אַלע פאַרזאַמלטע צו שטיצן ווי ווייט מעגלעך די וויכטיקע אינסטיטוציע.

5) די הויך פון די הלוואות ווערט באַשטימט: מאַקסימום 50 זלאָטעס; די באַדינגונגען — 10 וועכנטלעכע ראַטעס.

6) די צאָל פון די אָנוועזנדע איז 65 פּערזאָן (אַלע האָבן וואַל־רעכט). אין דער פאַרוואַלטונג זענען אויסגעקליבן געוואָרן 7 פּערזאָן: שעפּסל פרענקל (41 שטימען); מ. פרידמאַן (40); אברהם שיניאַק (27); מ.סאַקאַלאָווער (23); חיים איגלער (21); זיסקינד בערלינער (19); מענדל כץ (18).

אַלס פאַרטרעטער: יצחק־מאיר סלאַוונע, משה־מענדל כהן און דב ברענער.

אין דער רעוויזיאָנס־קאָמיסיע: 1) א. מ. אַדלער; 2) זאב גוטלעזער; 3) זלמן מילשטיין. אַלס פאַרטרעטער: משה אייזנשטאַט און אשר ארטנשטיין.

ה׳ פרידמאַן טראָגט אַריין אַ פאָרשלאַג, אַז די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג זאָל געבן פולמאַכט דער פאַרוואַלטונג צו באַשליסן וועגן אַלע נישט פאָרויסגעזעענע פראַגן ביז דער קומענדיקער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג. די פאַרזאַמלונג נעמט דאָס צו קענטעניש און דריקט אויס פולן צוטרוי דער פאַרוואַלטונג.

אונטערשריפטן:

פאָרזיצער — א. מ. אַדלער

בייזיצנדע — ש. פרענקל, אברהם שיניאַק

פּראָטאָקאָל נומ. 2

[illegible]

דער פּראָטאָקאָל פון דער גמ״ח־קאַסע פונעם 23סטן יאַנואַר 1928

פּראָטאָקאָל נומ. 2

כאָזשעל, זונטיק כ״א שבט תרצ״ח, דעם 23.1.1938, 7 אַ זייגער אָוונט, איז פאָרגעקומען אַ פאַרוואַלטונג־זיצונג מיט פאָלגנדיקן טאָג־אָרדענונג:

1) קאָנסטיטואירונג פון דער פאַרוואַלטונג,
2) אַ בריוו צום ה׳ יהודה וואַלערשטיין,
3) באַשטימונג פון דער הויך פון די הלוואות,
4) באַשטימונג פון די אַמטירונג־טעג פון דער פאַרוואַלטונג,
5) מעלדונג וועגן פאַרשרייבן זיך אויף הלוואות,
6) וואָכן־אָפּצאָל פון דער שטאָטישער יידישער באַפעלקערונג,
7) פרייע פאָרשלאָגן,

רעזאָלוציעס:

1) די פאַרוואַלטונג קאָנסטיטואירט זיך פאָלגנדיק:
פּרעזעס: מרדכי־מנחם פרידמאַן,
וויצע־פּרעזעס: אברהם שיניאַק,

קאַסירער: שעפּסל פרענקל,
סעקרעטאַר: מנחם־דב כ״ץ.

פאַרוואַלטונג־מיטגלידער: מ. סאָקאָלאָווער, ז. בערלינער, ח. איגלער.
פאַרטרעטער: יצחק־מאיר סלאָוונע, משה־מענדל כהן, דב ברענער.
רעוויזיאָנס־קאָמיסיע: אברהם־מיכאל אדלער, זלמן מילשטיין, זאב גוטלעזער.

2) שיקן אַ דאַנק־בריוו דעם נדבן ה׳ יהודה וואַלערשטיין פאַר זיין טאַט, וואָס האָט אונדז דערמעגלעכט צו עפענען די גמ״ח־קאַסע, ביילייגן אַ „מכתב־תעודה״ און אַן אָפּ־שריפט פון דער אָפיציעלער קבלה.

שטיין אין קאָנטאַקט מיט דעם ה׳ יהודה וואַלערשטיין און זיך ווענדן צו אים, אַז ער זאָל באַאיינפלוסן די כאַזשעלער לאַנדסלייט אין קאַנאַדע, אַז אויך זיי זאָלן זיך באַשטייערן לטובת דער גמ״ח־קאַסע.

פאַרעפנטלעכן די טאַט פון נדבן יהודה וואַלערשטיין אין דער יידישער פרעסע.

3) עס ווערט באַשטימט, אַז די הויך פון יעדער הלוואה איז מאַקסימום 50 זלאָטעס, אויסצאָלן אין וועכנטלעכע ראַטעס.

4) די אַמטירונגס־צייט פון דער פאַרוואַלטונג — 2 מאָל אַ וואָך: זונטיק און דאָנער־שטיק, פון 6—8 אָוונט.

5) יעדער קען זיך ווענדן וועגן אַ הלוואה פון זונטיק ביז דאָנערשטיק; געלט וועט מען אויסצאָלן נישט פריער ווי דאָנערשטיק.

6) די מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג: מ. פרידמאַן, א. שיניאַק, ש. פרענקל און מענדל כץ — וועלן באַזוכן די שטאָט־איינוווינער און זיי באַשטייערן לטובת דער גמ״ח־קאַסע.

7) ה׳ מ. פרידמאַן לייגט פאָר אויסקלייבן דעם נדבן י. וואַלערשטיין אַלס ערן־מיטגליד פון דער גמ״ח־קאַסע אין כאַזשעל. אין זאַל פון דער גמ״ח־קאַסע וועט מען אויפהענגען אַ טאָוול אויף וועלכן מיט דרוק־שריפט וועט אויסגעקריצט ווערן דער נאָמען פון ה׳ י. וואַלערשטיין און אויך אַלע נעמען פון די שפענדער לטובת דער גמ״ח־קאַסע. די פאַרוואַלטונג נעמט דאָס צו קענטעניש.

אַלע רעזאָלוציעס זענען געוואָרן אָנגענומען איינשטימיק.

דערמיט ווערט די זיצונג געשלאָסן.

פאַר דער ריכטיקייט לויטן אָריגינאַל באַשטעטיקט אין נאָמען פון דער פאַרוואַלטונג:

פאָרזיצער — מ. פרידמאַן
קאַסירער — ש. פרענקל
סעקרעטאַר — מנחם־דב כ״ץ

א בריוו צו א לאנדסמאן

(פון 3־טן מאַרס 1938)

ב״ה, יום ה׳ פקודי, ל׳ אדר א׳ תרצ״ח, חורז׳ל, תע״א.

לכבוד מר חיים־נח קוז׳ניאק נ״י.

מיר האָבן דעם כבוד אייך מיטצוטיילן, אַז ביי אונדז אין שטאָט האָט זיך געגרינדעט אַ לעגאַליזירטע גמ״ח־קאַסע, כדי צו לינדערן די לאַגע מיט אַ וועלכער ס׳איז הילף, ווו יעדער בעל־מלאכה אָדער קליינהענדלער זאָל קענען באַקומען קרעדיט אָן פּראָצענט.

די קריטישע לאַגע אין וועלכער ס׳געפינט זיך דאָס שטעטל כאָזשעל איז נישט צו באַשרייבן.

דער ערשטער האָט זיך אָפּגערופן אויף אונדזער רוף דער געהערטער ה׳ יהודה וואַ־לערשטיין (ווילסאָן) פון טאָראָנטאָ (קאַנאַדע). ער האָט אַריינגעשיקט אַ טשעק פון 200 דאָלאַר פאַר דער גמ״ח־קאַסע. דאָס איז דער פונדאַמענט. אָבער דאָס איז ווי אַ טראָפּן אין ים פון די נויטבאַדערפטיקע יידן. דער חשובער נדבן ה׳ וואַלערשטיין איז געבוירן אין כאָזשעל, זיין פאָטער האָט מען גערופן ר׳ אהרן „גראַיעסקי״, ער האָט געהאַט אַן אייזן־געשעפט אין מאַרק, אייער פאָטער האָט אים גוט געקענט.

ווי דער פּרעזעס פון דער גמ״ח־קאַסע ה׳ מ. פרידמאַן גיט איבער, זענט איר אַלס געבאָרענער אין כאָזשעל פאַרבונדן מיט אַ לאַנגן פאָדעם צו אונדזער שטעטל, און איר זענט אַ גערזעלשאַפטלעכער עסקן אין אייער וווין־אָרט. דעריבער ווענדן מיר זיך צו אייך מיט אַ הייסן רוף, אַז איר זאָלט זיך ווענדן צו די כאָזשעלער לאַנדסלייט, אַז זיי זאָלן זיך באַשטייערן לטובת דער גמ״ח־קאַסע. גלייכצייטיק ווערט איר געבעטן באַקאַנט צו מאַכן אין דער יידישער פּרעסע ביי אייך וועגן דער גרינדונג פון אונדזער גמ״ח־קאַסע. מיר דאָ וועלן פאַרעפנטלעכן אין דער פּרעסע דעם נאָמען פון יעדן שפּענדער און די גרויס פון זיין שפּענדונג. מיר האַלטן פאַר איבעריק אייך אָנצוווייזן ווי אַזוי איר זאָלט אָרגאַניזירן ביי אייך די אַרבעט, אַ גרינדונגס־קאָמיטעט אאַז״וו. איר אויפן פּלאַץ ווייסט בעסער פון אונדז.

מיר בעטן אייך אַנטקעגן צו קומען מיט דער הילף וואָס שנעלער, ווייל די קאָרעס־פּאָנדענץ צו אייך דויערט זייער לאַנג. שוין איבער 8 חדשים ווי מיר האָבן געשריבן אַ בריוו וועגן דער גמ״ח־קאַסע צו אונדזערע לאַנדסלייט אויף אייער אָנקלס אַדרעס: ה׳ יצחק קאָזשעניאַק, אָבער צום באַדויערן האָבן מיר נישט באַקומען קיין ענטפער.

מיר האָפן, אַז איר וועט נעמען אין אַכט אונדזער רוף צו אייך, צוליב דער וויכטיקייט היינט צו טאָג פון די גמ״ח־קאַסע בכלל, און אין כאָזשעל בפרט, און איר וועט שפּענדן פאַר איר אייערע כוחות. דערמיט וועט איר האָבן אַ חלק אין דער עקזיסטענץ פון דער גמ״ח־קאַסע אין כאָזשעל.

דער נדבן יהודה וואלערשטיין (ווילסאָן)

יהודה „גראַיעסקעס“ (אַ זון פון אהרן יואַלערשטיין) האָט שוין פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, זיינענדיק אין קאַנאַדע, זיך קונה שם געווען אין כאָזשעל מיט זיין הארציקער ברייטהאַנטיקער שטיצע, וואָס ער פלעגט שיקן פאַר דער גמ"ח־קאַסע און אנדערע סאָציאַלע הצטרכותן.

יהודה וואַלערשטיין (ווילסאָן), פון אונדזערע כאָזשעלער בולטע השכלה־בחורים, האָט פאַרלאָזן דאָס שטעטל אין יאָר 1914 צוזאַמען מיט אַ ברודער. אין יאָר 1921 האָט ער אַראָפּגעבראַכט צו זיך אין קאַנאַדע זיין מוטער און שוועסטער און דאָרט האָט זיך די פאַמיליע פאַרוואָרצלט. יהודה, אַ גרויסער און אָנגענומענער טאַבאַק־סוחר, האָט טראָץ זיינע פאַרצווייגטע געשעפטן און חשובן מעמד, נישט פאַרגעסן זיין היימשטעטל און אַלע יאָרן אָנגעהאַלטן קאָנטאַקט מיט פריינד און באַקאַנטע. ער האָט אַלע יאָרן מיט אַ ברייטער האַנט געשטיצט כאָזשעלער נייע עולים און די אַרבעט פון כאָזשעלער לאַנדסמאַנשאַפט־פאַרבאַנד אין ישראל, ספּעציעל פאַר דער אויסגאַבע פון יזכור־בוך און פאַר שרייבן אַ ספר־תורה אין בית־הכנסת פון רעננה צום אנדענק פון די כאָזשעלער קדושים.

אַ האַרציקן יישר כוח דעם פריינד יהודה וואַלערשטיין (ווילסאָן).

דער קאָמיטעט



ר' מאיר־יעקב ווינגורט צינדט אָן אַ ליכטל בעת דעם סיום פון שרייבן די ספר־תורה צום אַנדענק פון די כאָזשעלער קדושים, אין בית־הכנסת פון רעננה.



די ספר־תורה צום אָנדענק פון די כאָזשעלער קדושים אין בית־הכנסת פון רעננה

לזכר

נשמות קדושים וטהורים

חסידים ויראי ה' זקנים ונערים.

טף ונשים של קהלת

חורז'ל והסביבה

שנרצחו ונשרפו חיים

בשנות השואה ע"י קלגסי הנאצים

ועושי דברם ימ"ש

הי"ד

ארץ אל תכסי את דמם.

יום הזכרון י"א באדר

די מצבה אין מרתף־השואה אויפן הר־ציון אין ירושלים

רשימה פון באזשעלער קדושים

א.

אדלער משה־שמעון
אדלער אברהם־מיכאל, ראשקע און גיטל
איגלער בערל־לייב און פאַמיליע
איגלער חיים און פאַמיליע
אידעלשטיין קאפל און פאַמיליע
אייזנשטאדט משה און פאַמיליע
אייכלער יהודה־נחמיה, פרוי ביילע־רבקה
און קינדער
אַלטער אַלאַ (אייזנשטאַדט)
אנאַכאָוויטש עקיבא און פאַמיליע
אַרטענשטיין בערל און פאַמיליע
אַרטענשטיין אברהם־מרדכי
ארטענשטיין אשר און פאמיליע
אש מאיר און פרוי
אש מאטל און מוטער

ב.

באכראך אברהם־יוסף, חנה־רחל, מאיר
משה, בת־שבע, מרים
בוימגארטען חיה און פאמיליע
בולמאַן שלמה און פאַמיליע
ביילאוויטש שרה
ביישוויגער אסתר און פאַמיליע
בלענקיטנער יצחק און פאַמיליע
בעקערמאַן אהרן־מאַטל און פאַמיליע
בערגער פאוול־בערל און פאַמיליע
בערלינער בנימין און פאַמיליע
בערלינער זיסקינד און פאַמיליע
בערלינקא דוד־בער און פאַמיליע
בערלינקא יוחנן און פאַמיליע
בערענט מיכאל און פאַמיליע
ברענער בערל און פאַמיליע
ברענער פישעלע און פאַמיליע
ברענער שמחה וזיסה, שפרה, בערל, דן
ברענער זלמן־מאיר און פרוי
ברענער בערל און פאַמיליע

ג.

גאלדשלאק הערש און פאַמיליע
גארבאָוויטש ראַשקע (טיקולסקער)
גארדי חיים און פאַמיליע
גוויאזדא משה־אהרן און פאַמיליע
גוטלעזער וועלוול און פאַמיליע
גורמאַן אברהם און פאַמיליע
גורמאַן אהרן און פאַמיליע
גורמאַן יידל און פאַמיליע
גורמאַן נחמן און פאַמיליע
גורמאַן שמואל, מרים און פאַמיליע
גזשעביאלקא אהרן־לייב און פאַמיליע
גזשעביאלקא אליהו
גזשעביאלקא דוד־הערש און פאַמיליע
גליקאָווסקי יחזקאל און פאַמיליע
גליקסבערג הערשל דער דיין
און פאַמיליע
געוועלב יודל און פאַמיליע
געוועלב נתן און פאַמיליע
געוועלב שלום־יצחק און פאמיליע
גערליץ הערשל און פאַמיליע
גערשטיין שרה־חנה (ראַזענצווייג)
גראַסקינד שלום און פאַמיליע
גראַסקינד שיינדל
גראַסקינד מענדל און פאַמיליע
גרייצער אברהם און פאַמיליע
גרינבערג הערשל און שוועסטער אסתר

ד.

דאווידזאָן גליקע
דז׳עדזיץ משה־זרח און פאַמיליע

דז׳עדזיץ הענעך און פאַמיליע
דז׳עדזיץ פייוול און פאַמיליע
דז׳עדזיץ ישעיה און פאַמיליע

ה.

האכמאַן שלמה און פאַמיליע
העכט לאה און פאַמיליע
העכט חיים און פאַמיליע
הענדלער משה און פאַמיליע
הערצאָג חיה און רחל־זיסל
הערצאָג זלמן און פאַמיליע

ו.

װאלד ישראל־מנשה און פאַמיליע
װאלים מענדל און פאַמיליע
װאלים יעקב און פאַמיליע
װאנגעל מאליה
װאנשאק ליבע און זון
װארשאװסקי יצחק און פאַמיליע
װינא אהרון און פאַמיליע
װינא בנימין און פאַמיליע
װינא יוסף־דוד און פאַמיליע
װינערשטײן יצחק־מאיר און פאַמיליע
װינערשטײן מיכאל און פאַמיליע
װײנגארטן חוה און פאַמיליע
װענגראװסקי י. און פאַמיליע

ז.

זאגאצקער יצחק־דוד און פאַמיליע
זאגאצקער ברידער און שװעסטער
זילבערבערג שמואל און שװעסטער
זילבערמאַן יעקב
זילבערמאַן פנחס ורחל און פאַמיליע
זילבערמאַן יעקב־משה און פאַמיליע
זילבערמאַן חיים־אביגדור און פאַמיליע
זימאַן מאָטל און פאַמיליע
זעמעל זלמן־משה, חיה־ביילע, אברהם און חנה
זשעלאַזנא חיים און פאַמיליע

ט.

טויב גדליה ושרה און פאַמיליע
טיק יוסף און פאַמיליע
טיקולסקער חנה־רחל
טיקולסקער נחמן און פאַמיליע
טיקולסקער לאה און פאַמיליע
טיקולסקער יצחק און פרוי
טיקולסקער גאָלדע
טיקולסקער ליבע־רייזע און פאַמיליע
טיקולסקער מינדל, דבורה, רבקה

י.

יאבלאנקא הערצקע און פאַמיליע
יוכט דוד־הערש און פאַמיליע
יוכט הערשל און פאַמיליע
יוכט הערשל און פאַמיליע
יוכט חיים־װאָלף און פאַמיליע
יוכט יעקב און פרוי (בערענט)
יוכט גאָלדע און זון

כ.

כהן משה־מענדל און פאַמיליע
כהן יחיאל און פאַמיליע
כהן חיים און פאַמיליע
כהן טובה, חנה און פאַמיליע
כץ מענדל און פאַמיליע
כץ לייבל און פאַמיליע

ל.

לאַניעגטער נתן און פאַמיליע
לאַניעגטער מאָטל און פאַמיליע
לאַניעגטער יצחק און פאַמיליע
לאַניעגטער שמחה און פאַמיליע
לאַקרעץ משה און פאַמיליע
ליכטענשטיין מאָטל און פאַמיליע
ליכטענשטיין הערשל און פאַמיליע
ליכטענשטיין אַרטשע און מוטער
לינדענבערג לייביל און פאַמיליע
לעוו זלמן און פאַמיליע
לעוו מענדל און פאַמיליע
לערנער אברהם (דער שוחט)

מ.

מאַליניק גבריאל און פאַמיליע
מאַקאָווסקי לאה
מאַקאָווסקי וועלוול
מאַקאָווסקי פרימעט
מאַקאָווער ברוך און פאַמיליע
מארגולים משולם און פאַמיליע
מונדערזשיצקי ישראל־שלום און פאַמיליע
מונדערשטיין שלמה און פאַמיליע
מונדערשטיין ישראל־יעקב און פאַמיליע
מילשטיין יצחק־מאיר און פאַמיליע
מילשטיין דוד־אריה און פאַמיליע
מילשטיין זלמן און פאַמיליע
מילשטיין חנה־מינדל און פאַמיליע

נ.

נאדל יצחק־מאיר און פאַמיליע

ס.

סאַקאָלאָווער הרב מרדכי־חיים און פרוי ליבע
סאקאלאווער בן־ציון און פאַמיליע
סאקאלאווער מתתיהו ושרה רבקה און פאַמיליע
סטודענט נתן און פאַמיליע
סטודענט חיה
סלאוונע יצחק־מאיר און פאַמיליע
סעגאַל יצחק, דוד, ירחמיאל און שוועסטער
ספאדניק משה און פאַמיליע

ע.

עלבוים פנחס און שרה־חנה (פשיסוסקער)

פּ.

פּינדיק הערש־יצחק און פאַמיליע
פּינדיק יוסף און פאַמיליע
פּשיסוסקער מנחם־מענדל
פּשיסוסקער פנחס און קראסה
פּשיסוסקער יעקב־מאיר, פרוי שיינדל, חיה־פייגע, אברהם־יהודה
פּשעניצא נתן און פאַמיליע
פּשעניצא שלמה און פאַמיליע

פ.

פיינצאג הרב יחזקאל הכהן, פרוי חנה־דבורה, קינדער — אסתר־רחל, נח, און יוסף
פאטער טעוויל און פאַמיליע
פאטער אלי־לייב און פאַמיליע
פאטער שלום און פאַמיליע

פאַטער משה און פאַמיליע
פושרינג יחיאל און פאַמיליע
פלוידא אברהם און פאַמיליע
פרום מאָטל און פאַמיליע
פרידמאַן מרדכי־מענדל, אסתר און חנה
פרידמאַן יעקב ורבקה, זון שמחה־בונים
פריימאַן ישעיה און פאַמיליע
פרענקל שמואל און פאַמיליע
פרענקל שלום און פאַמיליע
פרענקל שבתאי און פאַמיליע

צ.

צווירקאָווסקי משה און פאַמיליע
ציגענבויק משה און פאַמיליע
ציטריניאַזש מלך און פאַמיליע
ציעכאַנאָווסקי שלום און פאַמיליע
ציעכאַנאָווסקי בערל און פאַמיליע
ציעכאַנאָווסקי משה און פאַמיליע
ציעכאַנאָווסקי גרשון און פאַמיליע

ק.

קאַוואַל דוד און פאַמיליע
קאַוואַל תנא און פאַמיליע
קאַוואַל פייוול און פאַמיליע
קאַזשיצע יצחק־מאיר און פאַמיליע
קאַזשעניאַק אברהם און מוטער
קאַזשעניאַק מאָטל און פאַמיליע
קאַמינסקי אליהו און פאַמיליע
קאַרן צדוק און פאַמיליע
קיטניק יצחק און פאַמיליע
קלאַטשעווסקי יוחנן און פאַמיליע
קנאָט משה, גיטל און פאַמיליע
קנאָפּף אברהם־יצחק, מלכה און פאַמיליע
קרישטאַל חיים־שמואל און פאַמיליע

ר.

ראַבינאָוויטש וואָלף און פאַמיליע
ראַבינאָוויטש נפתלי און פאַמיליע
ראַגען ישראל־יעקב און פאַמיליע
ראַגען שלמה־אשר און פאַמיליע
ראָזנבלום יצחק און פאַמיליע
ראָזנצווייג חיים און פערל
ראָזען הערש־יצחק און פאַמיליע
רוסטקער שרה און פאַמיליע
רוסטקער פייגע
ריטערבאַנט לייזער און פאַמיליע
ריטערבאַנט אייזיק און פאַמיליע
ריטערבאַנט זיסע־חיה און פאַמיליע
ריטערבאַנט יחיאל
ריטערבאנט נתן, צירל און פאמיליע
ריכטער יצחק־מאיר און טאָכטער פרומע
ריכטער מאָטל און פרוי יוכבד

ש.

שאַפּט דוד און פאַמיליע
שולץ זלמן און פאַמיליע
שטיין לייב־הערש, חיה־רבקה און פאַמיליע
שטיין ישראל־נתן און פאַמיליע
שיראַטא אברהם און פאַמיליע
שיראַטא מאָטל
שיראַטא מרים, קיילע, מאיר
שלאָמאָוויטש חיים־יוסף און פאַמיליע
שמיד מלכה (פרענקל) און פאַמיליע
שניאַדאָווער שמעון און פאַמיליע
שער אברהם און פאַמיליע
שער ישראל און פאַמיליע
שקאָפּף משה־הערש און פאַמיליע

ת.

תהלים יוסף, דבורה (ריכטער) און טאָכטער נעמי

רשימה פון באזשעלער נפטרים

(אין מדינת ישראל און אין אַנדערע לענדער)

אייזנשטאדט מרדכי
אייכלבוים פנחס
אלטער טויבע
אלטער צבי

בהרב זאב
בהרב לאה
בירן (פשיסוסקער) מרדכי
ביידע דוד־הערש
ביידע חנה
בערלינקא מיכאל
בערלינקא שמחה
ברענער בערל
ברענער חיה־צירל
ברענער יעקב

געוועלב נתן
געוועלב לאה

דאווידזאָן בלומע

זילבערמאַן ישראל

טיק ישראל און פרוי
טיקולסקער זלמן
טיקולסקער שרה
טיקולסקער נחמן
טיקולסקער פערל

כין רבקה

לאַכאָווער שלמה־יהודה
לאַכאָווער חנה־ברײנע

לאַכאָווער פישל
לאַכאָווער דבורה
לאַכאָווער לייב־הערש
לאַכאָווער משה
לאניענטער דוד
לעוו חוה־נעכע

מר־חיים יוסף־חיים
מר־חיים גאָלדע
מר־חיים שמואל
מר־חיים פישל
מר־חיים יששכר

ניבאָרסקי לייזער
נייער רבקה

פיעקאזש דבורה
פאַרבעראאוויטש מרדכי־מענדל
פארבעראאוויטש שרה־ביילע
פריימאַן דוד
פריימאַן זלאטע

צווירקאָווסקי משה

קאָזשיצאַ חיים־דוד
קאָזשעניאַק יוסף
קאָזשעניאַק ביילע
קאָזשעניאַק יעקב

רוסטקער קיילע

שאפראַן מענדל און פרוי
שאפראַן פייוויש

רשימה פון באזשעלער לאנדסלייט אין דער וועלט
(1966)

פאַראייניקטע שטאַטן (אַמעריקע)

קאַנאַדע

אַרגענטינע

מעקסיקא

אורוגוואי

אויסטראַליע

פראַנקרייך

סקאָטלאַנד

דייטשלאַנד

און

מדינת ישראל

רשימה פון כאַזשעלער לאַנדסלייט (1966)

(אין פאַרשידענע לענדער און אין מדינת ישראל)

פאַראייניקטע שטאַטן (אַמעריקע)

אייזנשטאַדט פרידא
אייכלבוים אברהם
בהרב אריה
בערגער ל.
גודמאַן אַבע
גודמאַן לואיס
גענבארד ס.
האַנדעלמאַן רות
זילווערשטיין ד.
לאַזרי יעמאַן
לאַקער האַרי
לעווינסאָן העלען
מאירסאָן אַננאַ
מאַרגאָליס הענרי
מעהלמאַן ל.
ניצקי נ. און לואיס
סטאַאַר ר.
סילווערבערג לואיס און יאָסע
סנידער אסתר
סעגאַל פ.ד.
עדעלסאָן מ.
פרידלאַנד ש.
קאָהן האַרי און פיליפ
קאָוואַל י.
קיטנער ל.
קליין נתן
ראָזען סאָל און רבקה
ריבאַ גאָלדא
רעגענט ק.
שטיין עוואַ
שיראָטאַ יואַן און ריוואַ

קאַנאַדע

בראָוונער הערש
ווילסאָן יהודה

אַרגענטינע

אַרטענשטיין לאַזאַר
וויינגאַרטען יעקב
טיקולסקער לעאָן
ניבארסקי יהודה און רחל
(זין מלך און יוסף, טאָכטער, איידעם און אייניקלעך)
ניבארסקי אפרים
פרוסאַן פאַולאַ
פרענקעל יהודה־אריה

מעקסיקאָ

ארטענשטיין פישל
טייפעלד ב.
לעוו וו.
לעוו י.
ניצקין חיאל
סימאָן מאָטל
קאָזשעניאַק מ.
שניאַדאווער זעליק

אורוגוואי

ארטענשטיין לאַזאַר און גיל
האָפמאַן גאָלדאַ
פשעניצא שמואל
קאָזשעניאַק נח און יצחק

אויסטראַליע

גמעלניק היינע
כץ יעקב
ניוועס רחל

פראַנקרייך

עדלשטיין טש.
קאַגאַן פערל

קאלושינסקי ריבה
רומעלסבורג צילא

סקאָטלאַנד

גרינהיל אַננאַ
לעווינער שרה

דייטשלאַנד

שניאַדאָווער איזאַק

אין מדינת ישראל

אייזנשטאַדט אלישבע
אייכלבוים הינדע און צפורה
אייכלבוים שרגא
אייכלער יעקב
אלבערשטיין דבורה און צבי
אלטער מאיר
אלטער חיים
אלטער נעמי
אנאכאָוויטש דוד
אנאכאָוויטש ישראל
ארז רחל
ארטענשטיין יצחק

בארלאס צפורה
בורטניק צילא
בירנהאק רבקה
בהיר יעקב
בהרב משה
ביידע י.
בירן פנינה
בלענקיטנער רחל
בן־יוסף מאיר
בר־נתן ישעיהו
בעקער יהודית
בערלינקא כאסיע

בערענט מרדכי
בראנראט יעקב
בראנשטיין שרה

גנות שמעון
געוועלב נח
גערשאנאוויטש רחל
גרינבערג מלכה

דאַווידזאָן משה־לייב
דגני צבי
דז׳עדזיץ יחיאל
דרעזנער

האַמבורגער הדסה
העלפגאָט פרידאַ
הענדלער שלמה־דוד

וואָלצער בלהה
וואָלק שרה
וויכמאַן בעלאַ
וויינגורט מרים ומאיר־יעקב

וועגראווסקי אליהו

זאגער טובה
זהבי אילה

טיקולסקער ראָזאַ
טיקולסקער דב
טיקולסקער גדליה
טיקולסקער דוד
טיקולסקער פנחס
טל אלכסנדר
טלישעווסקי טובה

יאַבראָוו פנינה
יודנגלויבן בעלא
יוכט משה
יוכט מנחם
ישמח מינה

כוכבי שרה
כמעלניצקי יצחק
כץ חיים
כץ שלמה
כץ שמעון
כרמי משה
כרמי שרגא

לאכאָווער מנחם
לאכאָווער שמואל
לאַניענטער נחמן
לאַניענטער יוסף
לבבי שלמה
לויתן גולדה
ליטווער דארא
לעווענבערג שרה
לאַך דינה

לאַך ישראל
לעפעל בראָניא

מאַרקאָוויטש ברכה
מונדערשטיין צפורה
מילשטיין משה
מלאווסקי תרצה
מר־חיים אליעזר
מר־חיים ישעיהו ופרומה
מר־חיים אברהם
מר־חיים יחזקאל

ניסנבוים פנינה
נייער שמואל
נפחא אהרן
נשר שמחה
נשר יוסף
נשר בונים

סאָקאָלאָווער הרב אפרים
סאָקאָלאָווער אברהם (ת״א)
סאָקאָלאָווער משה
סאָקאָלאָווער שמחה־אלי
סאָקאָלאָווער אברהם (עפולה)
סאָקאָלאָווער דוד
סלאווני שמעון
סלאווני חיים
סעגאַל חיה

עברי אליעזר
עדלשטיין שרה
עזריאלי שרה
עטינגען רבקה
עציוני רבקה
ערליך רבקה

פינדיק יששכר
פיעקאזש חיים ואליהו
פערלאָוויטש צילא
פרץ רבקה

פאטער דב
פאטער מתתיהו
פאטער מאיר
פאטער מנחם
פישרינג דוד
פלישון מלכה
פריד ניסן
פריימאַן אליעזר
פריימאן חיה
פרענקל דוד
פרענקל יעקב
פרענקל מלכה
פרענקל משה


צ׳יעכאַנאָווסקי מלכה
צ׳יעכאַנאָווסקי יצחק


קאוואל משה
קאָזשיק משה
קאָזשיק שמואל
קאזשעניאק משה
קאזשעניאק יאקל

קאָזשעניאַק ראובן
קאָטליאַר אסתר
קאָטליאַרסקי הדסה
קאַלינא חיים
קאנטאָראָוויטש מרים
קויפמאַן חוה
קינעל פרידה
קראו סענדער
קראַוויעץ רחל
קראנזשאק מאיר

ראוויצקי מינה
רודעק יצחק
רום רבקה
רוסטקער משה
רז ראובן־משה
ריטערבאנט לייבל
ריכטער דוד
ריכטער יהודה
ריכטער ישעיהו

שאפט מיכאל
שאפראן יוסף
שאפראן יצחק
שחורי חינקא
שטיגליץ זיסל
שמואלי פרימעט
שניאַדאָווער גרשון
שערפסקי לאה





חורז'ל (כאזשעל)

קהילת ישראל שנסחפה בסערת השואה של מלחמת־העולם השניה ונגרפה במבול של דם ואש בידיהם הטמאות של שטני דורנו; קהילה קדושה שנכרתה בעצם פריחתה, הושמדה ונחרבה עד היסוד, נמחתה מספר החיים, נמחקה כלא היתה, אפסה ואינה עוד.

נעלה נר־תמיד לזכרה ונשמרהו לבל יכבה!